„די צייט“

געגרינדעט אין 1913 פון

מאריס מייער

די איינציגע טעגליכע
אידישע ציטונג אין
אייראפא.

יידישער ארבעטער
הילפס קאמיטעט
אין ענגלאנד

צו העלפן די יידישע ארבעטער
אין אייראפע

(רעגיסטרירט אונטער דעם מלחמה־
משעריטעס אקט 1940)

18/18a, ST. GEORGE ST.,
HANOVER SQUARE, W.1

מיט אלע קאמיוניקאציעס זיך
צו ווענדן צום

ערן־סעקרעטאר ס. עלשטיין
18, וואדלאנד רייז, נ.10

נײ־אידיש טעאטער

פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1

דירעקטאריום: וו. קאסאף, ה. רייפעלזאן, מרס. שאפירא.
משערמאן: מ. ביטלער. אנפירונג: א. מייזעלס. האָנ. סעק.: א. ביטלער.

מאיר צעלניקער

און די קינסטלער קאמפאניע לויט א״ב:

פרויען: אנא בוים, מארי גאלדשטיין, קלארא מייזעלס, מעטא סעגאל,
אנא צעלניקער, מיני שערמאן א.א.

מענער: מאריס אקסעלראד, מאקס בוים, דוד סעגאל, א. פוקס, יאזעף
שערמאן, נייטען שווארץ, א.א.
און די געסט: מרים קאראלאווא און לעאן בלומענזאן.

מוזיק דירעקטאר: פהיל בערנשטיין.

יעדן אוונט פארשטעלונג (פרייטאג געשלאסן)
שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג
אוונט 7.

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

זיבנטער יארגאנג — סעפטעמבער 1946 לאנדאן — **נומער 9** (העפט 80)

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

א שטיקל חשבון הנפש צום נייעם יאר תש״ז — ** . . . . 1
שכר ועונש, בוך וויטאג (לידער) — משה עובר . . . . 6
וועלט — דער וואכעדיקער נביא (עסיי) — לעא קעניג . . 9
נעטא גבורות — ד״ר יעקב מייטלים . . . . . 14
פראן שטורם (רעפארטאזש דערציילונג) — זיינוויל דיאמאנט 18
א כותל מערבי באלאדע; דאס מאטראסן ליד פון „יגור“,
„בייבל־פסוקים“... (צוויי ציטלידער) — א. נ. שטענצל 24
חתונה נעהאט (דערציילונג) — י. ביעטש . . . . 28
ב. בארבאוו, נאוואטאר און רעפארמאטאר — יוסף הלל לעווי 33
שמועס מיט מאקסים גארקי (עסיי) — פראפ. זרח גרינבערג 39
ווי נעמט מען א ביסל גלויבן אויף א רפואה? (אלול־שטימונג)
— נחות שטענצעל . . . . . . . . 43
וועלכן שוך דארף מען אנטון פריער? אדער שולחן ערוך ווערט
ווידער מאדערן (פעלעטאן) — יעקב שמואל טויבש 44
דינה האלפערן — ש. י. דארפזאן . . . . . . 49
דינה האלפערן אין לאנדאן — דארא דימאנט . . . . 50
משה עובד — מ. מינדעל . . . . . . . 54
דער טשיף ראביי ד״ר הערץ (פארטרעט) — אפענהיימער . 56
אויפבוי און אייסדויער — אליהו פאלושאק . . . . 57
ידיעות מארבע כנפות הארץ — ** . . . . . 59
קולטור ידיעות פון דא — ** . . . . . . 62
לשנה טובה וואונטשן צום נייעם יאר תש״ז . . . . 63
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס . . 64

**פרייז 1 שילינג**

אבאנענטס־פרייז: —13/6 פאר א יאר;
אין אויסלאנד: —3 דאלאר א יאר
1/3 פאר א פראבע נומער

**אדרעס פון רעדאקציע**

„לשון און לעבן“, נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.

# לכבוד דעם 80-טן „העפטל"

(צום סעקרעטאַריאַט פון „לשון און לעבן")

מיר באַנוצן תמיד דאָס עטר־בלאַט־זייטל פאַר „פּאַראַגראַפן", „צו די לייענער פון לשון און לעבן", וועלן מיר עס היינט, — לכבוד דעם „יובל", ווי אַן אויסנאַם, — באַנוצן פאַר צוויי פּאַראַגראַפן „צום סעקרעטאַריאַט פון לשון און לעבן".

1. מיטן היינטיקן 80-טן העפטל גייט דער זשורנאַל אַריין אין זיין זיבעטן לעבנס־יאָר. — יאָ, ס'איז אַ שטיקל יובל פאַר אונז! דאָס ערשטע „העפטל" איז אַרויס מיט זעקס יאָר צוריק, אין ערב ראש השנה, אין מיטן סעפּטעמבער, בשעת ווייטשעפּל איז געווען וויסט און חרוב פון די פלאַנדריקע באָמבעס און די יידישע געסלעך אונזערע צעשמעטערט און מבולבלדיק. אויב איך האָב געקאָנט אַנגיין די 5 מלחמה יאָרן, חודש איין און חודש אויס, איז עס געווען, ווייל אין יעטווידן „העפטל" איז אַריינגעלייגט געוואָרן מער ענערגיע. ווי אין די אַלע פלאַנדריקע באָמבעס, פליענדיקע „דודלבאָמס" און ראַקעטס. און דאָס איז' גאָר נישט קיין סאַך! ווייל לויט ווי מ'ווייסט יעצט קאָן דאָך די ענערגיע פון איין אַטאָם אַזוי נוצלעך ווירקן! און אַז איך זע יעצט די געדרוקטע העפטלעך (נישט אַלע, ווייל פון מאַנכע איז מיר אַפילו קיין איין עקזעמפּלאַר נישט פאַרבליבן...) פאַרגיטיקן זיי מיר אַ ביסל די פאַרברענטע כתבים (נישט געדרוקטע) און מיינע געדרוקטע ביכער, וועלכע זיינען פאַרברענט געוואָרן פון אַ פייער־באָמבע באַלד מתחלת פון די „בליצן".

2. יאָ, דער זשורנאַל „לשון און לעבן", איז אַ „יורש" פון די העפטלעך! וואָס איך וואָלט מיר אָבער געוואָלט ווינטשן, אין טאָג פון אונזער שמחה, — איז, אַז די ירושה זאָל נישט לייכט פאַרטאַבלעוועט ווערן. איך דערלויב מיר דאָס צו זאָגן, ווייל ביי גרינג געירשנטע זאַכן איז פאַראַן די דערמאָנטע געפאַר. וואָס איך וואָלט נאָך געוואָלט זאָגן דעם סעקרעטאַריאַט פון „פריינט פון יידיש לשון" — אין טאָג פון אונזער שמחה איז אָט וואָס: דער הויפּט כוח פונם קאַמף אַנגיין מיט די „העפטלעך" די אַלע יאָרן איז געווען, דאָס באַוואוסטזיין אין זיך, אַז אַ יידיש וואָרט וואָס דערגרייכט אַ יידיש לייענער, אויף אַ פּשוטן און איינפאַכן אופן, איז מער ווי דאָס אָנשרייבן דאָס וואָרט — ווייל טאַט איז מער ווי וואָרט! וואַרעמע ווערטער וועגן קולטור־טעטיקייט, —ווי וואַרעם און ווי ערלעך זיי זאָלן נישט זיין געמיינט און געזאָגט איז דאָך נאָך נישט פּאָזיטיווע אַרבעט—דויערנדיקע וואַרעמקייט צו פאַרוואַנדלען אין פּאָזיטיווע ענערגיע דאָס איז קולטור־טאַט. דאָס וואָלט איך געוואָלט האָבן: זיינען געווען די „העפטלעך" און דאָס וואָלט איך וועלן, אַז ס'זאָל זיין דער זשורנאַל „לשון און לעבן" — אַז מיר אַלע, מיר פריינט, זאָלן זוכה זיין צו טראָגן די גרויסע און הייליקע ירושה אונזערע, פון אונזער יידישער קולטור.

די רעדאַקציע.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

זיבעטער יאָרגאַנג | סעפּטעמבער 1946 לאָנדאָן | נומער 9 (העפט 80)

## אַ שטיקל חשבון הנפש צום נייעם יאָר תש"ז

תכלה שנה וקללותיה תחל שנה וברכותיה

I

אַז מ'טרעפט זיך אָן, פּנים אל פּנים,* כמעט פון צייט צו צייט, מיטן עצם מהות פון די אייגענע ענינים, באַגרייפט מען זיי ערשט, אויב ניט ווערט מען אָפּגעריסן, דערווייטערט און אויף אייביק פאַרפאַלן. ווארים ווען מ'איז פאַרבונדן מיטן מקור, ווערט מען אַליין אַ מיטגעריסענער שטראָם, ווינקענדיקע זונען טראָגט מען אין זיך, פרישע שטראָמען קומען אָן און מ'ווערט ווידער באַנייט און דערפרישט. אָבער אַז דער קוואַל ווערט פאַרשיט, ווערט דאָס נישט דערגאַנגענע, דאָס איבערגעבליבענע ריטשקעלע מוטנע און בלאָטיק.

דאָס איז דער גאַנצער סוד פונם ענגלישן יידנטום און פאַרוואָס מיר דאָ האָבן פאַרלאָרן די לעבעדיקע אומיטלבאַרקייט צו זיך אַליין און צו אונזערע אייגענע ענינים. פון די רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישע ביז צו די וועלטלעך פּראָגרעסיווע יידישע קרייזן זיינען מיר אַלע אַזעלכע אָפּגעשטאַנענע נישט דערגאַנגענע פליטקע וואַסערלעך.

און אַזאַ פּנים האָבן מיר — אַן אָפּגעשפּיגלטס אין אַזאַ שימלדיק גריגלעכן און פלאַכן ריטשקעלע!...

און אַז מ'קומט צו צו אַזאַ בייזער ביטערער דערקענטניש, לוינט עס דען נאָך און צי איז דען נאָך נוציק און האָט עס אַ וואָסער ס'איז צוועק (אַחוץ ווען מ'וויל פיש כאַפּן אין דעם מוטנעם וואַסער) אויפצוציילן און אויסצורעדציילן די אויפטואונגען און די דערגרייכונגען פון די רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישע מסודות און די געזעלשאַפטלעכע קולטור אינסטיטוציעס אונזערע? אויסגעפינען און אויסרעכענען זייערע מעלות און פעלערן? אַז בלויז נאָך אַ דאַנק זייערע חסרונות עקזיסטירן זיי נאָך* איבערהויפּט!...

ווען נישט דאָס ביסעלע „רח"ש" וואָלט דען נאָך געווען אין לאָנדאָן אַ רב, חזן, שמש? אַז אויף די אַרומלויפנדיקע פיס פונם פאַלעקטאָר וואַקלט די שול, די תלמיד תורה, כביכול, און דאָס בית החיים!...

און אויף עפּעס אַ וואָלי קויהען, אַן אַרויסגעשפּיגנעם וואָלפיש אויפן ברעג, שטייט דאָס גאַנצע בית־דין... זאָל ער זיך נאָר אַ דרייאיבערגעבן — און וואָליי! — און דאָס גאַנצע בית־דין צדק — — —

אָבער מיר וואָלטן רעכט געהאַט אַראָפּצוקוקן, אויף די אַלע אײַנריכטונגען און מסודות, פֿון אויבן אַראָפּ, ווי אויף איין גרויסן מינוס. ווען די גאַלעריע פֿון אונזערע געזעלשאַפֿטלעכע וועלטלעכע קולטור־אינסטיטוציעס וואָלט געהאַט א שענערן פּרצוף פּנים און א געזיכערטערן זכות הקיום און די גאַלעריע פֿון אונזער קולטור־אַרבעט וואָלט בעשטראַלט אַט־אָ די שטייענדיקע ריטשקעלעך. אין א ריכטיקע באַלויכטונג, אין א פּרעציזן פּערספּעקטיוו ווי וואונדערלעך הערלעך קאָן דאָס אויפֿלײַכטן און זוניק אויפֿשימערן אַזאַ גרינלעכע שימלדיקייט — ווי קאָנסטאַבליש! *

און דאָס איז דאָך די אייגנטלעכע עצם אויפֿגאַבע און אינערלעכער מהות פֿון עכטער קולטור־טעטיקייט — זיך דערגראָבנדיק אינם בלאָטיקן ליימיקן באָדן צוריק צום מקור, ווערט מען אַזוי מיט־שותּף צום מעשׂי־בראשית; פֿון דעם אַרויסגעגראָבענעם ליים און ערד ווערט באַשאַפֿן און אויסגעקנאָטן דאָס בילד פֿון זײַן בילד — דער מענטש מיטן צלם אלוקים!

II

און ווי אַזוי מאַכן א סך־הכּל פֿון אונזער יידיש שאַפֿן דאָ, אַז מ'קאָן נישט מער, ווי נאָר אַרומגיין אַרום זיי, אַרום די שאָפּונגען ווי אַרום א ווייכן באָדן אויף א וויספּע? זיך וועלן פֿאַרטיפֿן אין זיי, זיך צו וועלן דערגרונטעווען, הייסט אײַנגאַנצן שוין צו פֿאַרזינקען — — —

וואָרים וואָס איז דען שעפֿערישקייט? נישט א געפּילבל און נישט אַן אויסגעשריי! ווי „נביאיש" ס'זאָל נישט זײַן, איז עס אַלץ נאָך פֿאַלטש; און ווי עכט א געפֿיל זאָל נישט זײַן, בלײַבט עס אַלץ ווייכלעך סענטימענטאַל.

אַז מ'שטייט נישט פּנים אל פּנים מיטן עצם מהות פֿון די זאַכן און געשעעניש, אַז מ'איז נישט פֿאַרבונדן מיטן מקור איז דאָס געשאַפֿענע נאָר אַזאַ טונקלער ווידער־שײַן בלויז — א געפֿאַלענער שטראַל וועלכער ברעכט זיך אין א שטיינגעבליבן מוטנעם ריטשקעלע! ס'איז נישט יענע לייכטע פֿלינקע שפּיגלונג, פֿריש טאַנצנדיק אויף מים־חיים־וועלן, אויפֿשטראַלנדיק און פֿון יעטווידן גלעטנדיקן קנייטשל לעבעדיק ווײַטער געטראָגן — דאָס הימלישסטע, דאָס סודות־שטראַלדיקסטע שטערן־בילד ווערט פֿעסטגעהאַלטן, פֿינסטערלעך פֿאַרפּעלשט און פֿאַרקוועטשט מיט א פֿליישיק־צעשאַטנטן שטערן־פֿאַלד.

לאָנדאָנער יידישע פּאָעזיע און פּראָזע האָט נישט קיין אייגן פּנים, העבסטענס א געבראָכענעם שטריך דאָ און דאָרט — ס'האָט אַזאַ פּנים ווי ס'לאָנדאָנער יידנטום! און דאָס וויל שוין עפּעס זײַן, וואָרים די אויפֿגאַבן פֿון א ליטעראַטור איז דאָך אָפּצושפּיגלען דאָס לעבן.

און דער עפּעס וואָלט שוין געווען זייער אַסך, ווען ער וואָלט געווען ספּעציפֿיש אייגנס, היימיש־אַטמאָספֿעריש. וואָרים אין איין טראָפּן שפּיגלט זיך דער גאַנצער ים! טויזנט פֿינקלדיקע קרײַזנדיקע זונען קאָן טראָגן איין

* דער גרעסטער ענגלישער לאַנדשאַפֿט־מאָלער.



טראָפּן אין זיך, ווען ער איז לויטער און קלאָר, ווען ער קומט פֿון מקור און גייט צוריק צום מקור — ווען ער איז נישט פֿון אים אָפּגעריסן! ווען ער גייט אויף אַטמאָספֿעריש אין דער צעאָטעמטער וואָרעמקייט! ער איז ווי דער טראָפּן בלוט וואָס גייט אָפּ פֿון האַרץ און קומט קרײַזנדיק צוריק צום האַרץ; אָבער ווען ער איז שוין אָפּגעריסן — — —

און קאָן עס דען זײַן אַנדערש, אַז דאָס לעבן דאָ איז אַזעלכעס! עס וואָלט דאָך געווען געקינצלט און א ליגנט, ווען ס'וואָלט געווען אַנדערש.

אָבער ווען אין אונזער צער ביחידות און בסתר, — אין אונזער געוואַלטיקער בענקעניש צוריק צום אָפּגעריסן מקור, אין אונזער מרה שחורהדיקן טרויער. — ס'רײַסט זיך אַרויס א טרער פֿון אַן אויג אויפֿגעלויכטן מיטן מהות פֿונם אייגענעם איך, אַדורכגענומען מיטן ווייטאָג פֿון אויסטערלישע ענינים! אַט דאָס זײַנען די עכטע פּערל אונזערע, צעשפּרייטע, צעוואָרפֿענע, וואָס מען מוז זיי אָבער ערשט, צענויפֿזוכן און צוזאַמענקלויבן, און אָפּקלײַבן; און אויפֿגעצווינגענע אין א שניל, וועלן זיי זײַן דער צושטײַער אונזערער צום יידישן שאַפֿן — א כּמעט דין שנירעלע פּערל, וואונדערלעך מיט זײַן מאַנטקייט, מיט זײַן אויסטערלישע רינגע צאַרטקייט, אָבער צו טראָגן צווישן די שנירן שווער פּערל, אויפֿן האַלז פֿון דער מטרונותא, פֿון דער כּנסת ישׂראל.

III

אינדערהיים, אין אונזער וואָרעמער היימישקייט, איז נאָך א טרער פֿונם אויג אַרויפֿגעגאַנגען ביז צום זיבטן הימל, אים צעשפּאָלטן, און צוריק אַראָפּגענידערט צו דער פֿינסטערער ערד מיט רחמים און לויטערקייט. אין אַזאַ יידישלעכער אַטמאָספֿערע האָט די צעריסנסטע שבֿע פֿון אַן אַלטיטשקער באָבעטשקע עפּיש אויפֿגעלויכטן מיטן אייגענעם גליצערדיקן שמעלץ, און די לעצטע פּערל אינם טשיפּעק האָט געהאַנגען איבערן שטעטל ווי א זון; א קוטיקער טלית האָט גאָלדן געפֿינקלט און רעמבראַנדיש געברענט אין די אויגן, מיט די צעריבענע פּערעס פֿון זײַן שפּאַניע. יאָ א געטונקטע אין אונזער בלוט הענגט ער יעצט דאָרט אויף האַלבן־מאַסט אַן אויפֿגעצווינגענע פֿאָן מיט פֿלאַקערדיקע יידישע אותיות — —

און די געראַטעוועטע, די אויסגעשפּיגנעע בני הנביאים אונזערע, אויף יענער זײַט אָקעאַן, ווי זיי ציטערן דאָס מיטן פֿלאַטער פֿון זייערע הערצער, איבערן עץ־החיים אונזערן, אַז ער זאָל נישט אויסטריקענען, חלילה, איבערנאַכט! דער פּירות־טראָגנדיקער בוים, דערוווײַטערט פֿונם לעבעדיקן קוואַל, ווי אַזוי קאָן ער לעבעדיק בלײַבן און ווײַטער טראָגן זײַנע זאַפֿטיקע פּירות?

אָבער איז דאָס נישט, דער טיפֿער סוד פֿון אונזער קיום און נצחדיקייט פֿון אונזער שאַפֿן, אַט דאָס כּסדר זיך אײַנפֿלאַנצן אויף פֿרישן באָדן? ווערן דען נישט אויף אַזאַ פּשוטן אופֿן טאַקע די פֿלאַנצן פֿאַראײַדלט און קולטור־ווירט? דאָס שוואַכע געוויקסל שטאַרבט אָפּ, אָדער אַסימילירט זיך צו

קינדער דאַרטן אויסגעקוילעט איז דער פֿײַנער פּעטער פּטור אפילו פֿון אַ קדיש... אַזוי זעט עס שוין באַלד אויס דאָ, מישטיינסגעזאָגט!

קומט טאַקע אַ גרויסער ישר כח דעם אַרבעטער הילפֿס קאָמיטעט, און דעם קאָמיטעט ביים אַבעטער־רינג פֿאַר זייער אַהערברענגען די קינדער פֿון ס.ק.י.ף און די קינדער פֿונם „רעסיסטענץ" אין פֿראַנקרייך: זעען פּנים אל פּנים און באַגרייפֿן אונזער פֿאַרלוסט און דאָך גלויבן אין נס פֿון קומענדיקן עתיד, דאָס איז דער עצם מהות פֿון אונזער נצחיקייט...

פּ.ס.

זיינען אונזערע הערצער איצט אָפֿן און איינגעהאַלטענע, צו זען די „בישוף־מאַכערין" פֿון גאָלדפֿאַדן, צו הערן „ליבע" פֿון פּרץ, — די צווייי גרעסטע, דער נס פֿון דער יידישער דראַמע און דיכטונג, — ווי דינה האַלפּערן וועט זיי געשטאַלטן און אַרויספֿאָרמען פֿון מקור פֿון איר האַרץ, און צו זען די אויפֿפֿירונגען פֿון די אַקאָרשט געקומענע יידישע קינדער פֿון דער רעסיסטענץ פֿון פֿראַנקרייך.

יאָ, אַז אונזערע סאָציאַליסטן, אַז אונזערע קאָמוניסטן קומען אַזוי נאָנט צו צו אונזער מקור. קאָנען מיר מיט רעכט צורופֿן דעם נאַציאָנאַלן טייל אונזערן, אין דעם געראַנגעל, וואָס קומט יעצט פֿאָר אין אונזער ארץ־ישראל־ישוב: „עוד לא אבדה תקותנו"! איר מוזט אייך נאָר מער דערנענטערן צום מקור אונזערן צום לעבעדיקן שפּרודלדיקן קוואַל אונזערן און מיר וועלן דער־פֿרישט ווערן און לעבעדיק בלייבן. אַלע אינאיינעם באַפֿאַהטן און פֿאַרבונדן.

---

## משה עובד

# שכר ועונש

(פֿאַר די קינדערלעך פֿון פּאַריזער ס.ק.י.ף.)

בעלפֿערל! בעלפֿערל!
וואָס איז דער שכר,
פֿון דעם האַר,
ווען ער האָט אינגעלע שטאַרק האָלד?
— דער האַר איז אים מהנה,
מיטן שמייכל פֿון אַ תנא,
און מיטן גלעכטער פֿון גאָלד

בעלפֿערל! בעלפֿערל!
און וואָס פֿאַר אַ עונש של עולם,
האָט דער רבונו של עולם
ווען ער איז אויף אינגעלע שטאַרק בייז?



— אין דער גרעסטער היץ
דונערט ער צום בליץ:
„קאַנטשיק! אין קאַרק שמיים!"

בעלפֿערל! בעלפֿערל!
ווען איז דער האַר,
זיך אַזוי שטאַרק מצער,
און ווערט אויף אינגעלע אַזוי ברוגז־בייז?
— ווען ער וויל ניט זיין פֿריי, אַנאַויסגעלייזטער,
. ווערט דער אב־הרחמים אַזוי ברוגז־בייז,
אַז דאָס אינגעלע אַבשמייסען הייסט ער...

# בוך־ווייטאָג

(געווידמעט חוה ראָזענפֿאַרב פֿאַר איר „באַלאַדע פֿון נעכטיקן וואַלד")

אַ פּאָעט אויסגעפּוצט ווי אַ דייטש אַ פּאַצעט,
האָט זיך איינגעשפּינעלט טיף און צו זיך גערעדט:

„דיין טאַטע איז געווען ווי אַ ווערבע בוים,
פֿאַרפּלאָנצט אין מלכות פֿון אַל־וועלט רוים,
זיין קאָפּ באַקרוינט, איז געווען שוין איין מאָל!
מיט של־ראש, עטרה און מיט שטריימל.

דורך די שורות פֿון זיין פֿאַרמעט שטערן,
האָט דער אור־התורה, יומם ולילה געשיינט,
און זיינע געקרייזעלטע פּיאות פֿון געקרייזלטן קלערן,
ווי עין־חיימס אויסגעדרעקסלט באַ'חנ'ט.

דיין טאַטע איז געווען אַ בעל־מלחמה,
מעכטיק באַפּאַנצערט מיט זיין טלית־קטן,
יעדער ציצה אַ רוט פֿון זיין נשמה,
צו פֿאַרטרייבן יצר־הרע, לילית און שטן.

ווי עס פֿאַרטיידיקט בלאַט ווי פֿייל און צווייג ווי בויגן,
דער ווערבעס שטאַם, מאַכט און פּראַכט.

אזוי זיין ווירענע קאפאטעס אוירן און אויגן,
האבן זיין נשמה'ס גוף באהיט און באוואכט.

און די לבנה האט באפארבט פליהענדיק,
מיט זילבער זיינע זאקן,
און די זון האט באזויגט ציענדיק,
מיט ניגנאלד זיינע לאקן.

און דיין טאטנס א קרבן, קדוש וטהור,
אויפן מדרש־איכה א טרער א ריינע,
איז דאך געווען אונשולדיק ביז נאר,
ווי ס'טיבעלע אויפן מזבח פון בית־שני.

אבער דו פאצעט! באטראכט דיין פנים,
זע ווי אינערלעך און איסערלעך ביסט געגאלט
מיט תפארת און מיט טהרה, ניט מיט מזומנים.
האסטו טייער, זייער טייער, דערפאר באצאלט.

זאג ווי לאנג איז שוין דו זינדיקער האן,
זייט האסט נעהאלטן א ספר אין דיין האנט,
און מיט ריינע מחשבות תפילה געטאן,
מיטן פנים ניט צו דער וועלט, נאר צו דער וואנט?

זאג, וואס איז ס'פאפיר־פרעסעניש, און ס'טינט זויפעניש?
זאג, וואס איז ס'אילעניש וואס איז ס'ליפעניש?
עס ניט קיין פירות איידער זיי ווערן צייטיק,
וועסטו אזוי ניט ליידן פון בוך־ווייטיק...

א, ווערבע! ווערבע! ווי אזוי און פון וואנען
שטאמט אזא צווייג ווי איך ארוים פון דיין שוים?
ווי דיין אפגעפליקטער אפגעשלאגענע הושענה
זע איך דאך נעבעך אוים".





# וועלס — דער וואכעדיקער נביא

קיין מאדערנער שריפשטעלער איז אזוי אפט ניט באצייכענט געווארן אלס נביא ווי דער ערשט פארשטארבענער — בארימטער ענגלישער שריפטשטעלער — ה. זש. וועלס.

אנדערע מאדערנע וועלט בארימטע שריפטשטעלער ווי טאלסטאי, זאלא, נארקי, אנאטאל פראנס האבן בשעתם אויסגעדריקט אדער אויסגעשריגן דאס געוויסן פון זייערע פעלקער, פון דער מענטשהייט...

אבער ה. זש. וועלס איז דער איינציקער — מיטן אויסנאם אפשר פון טאלסטאי — וואס איז אזוי אפט באצייכנט געווארן אלס נביא. און ה. זש. וועלס האט זיכער פארדינט אט דעם „טיטול" מאדערנער נביא.

אין זיינע אוטאפישע, פאנטאסטיש „וויסנשאפטלעכע" נאוועלן און דערציילונגען האט ער אזוי טרעפלעך פאראויסגעזען אונזער טעכנישן פראגרעס. ער האט פאראויסגעזען דעם „טאנק", דעם קריג אין דער לופט, די „ראקעטס" און איפלו די אטאמישע באמבע...

און ער האט ניט בלויז פיל קינסטלערישע און וויסנשאפטלעכער פארפאלקאמט דעם זשאנר „אוטאפישע און פאנטאסטישע נאוועלן", פון וועלכע זשול ווערן איז אפשר געווען דער פיאנער. זשול ווערן האט געשריבן פאר דער שוליונגט; ה. זש. וועלס — פאר דערקוואסענע, פאר אלעמען.

וועלס קען מען זאגן האט געשריבן זיינע אוטאפיש־וויסנשאפטלעכע „נביאות" נאוועלן ניט נור וויל ער איז געווען א מייסטער צו דערציילן א געשיכטע, און האט געוואלט אמוזירן דעם עולם און נים נאר וויל די נאוועלן זיינע זיינען גלייך געווארן גוואלדיק פאפולער און איבערזעצט כמעט אין אלע שפראכן. נור הויפזעכלעך וויל ער האט מיט דעם געוואלט עפעס לערנען. באווייזן און ווארנען.... אין וועלסן זיינען געווען כמעט גלייך פאראייניקט א גרויסער קינסטלער און וויסנשאפטלעכער פארשער, א ערשט ראנגיקער דערציילער מיט א ענציקלאפעדישן מוח און ער האט דערפאר אפט דערמאנט אן די גרויסע פיגורן פונם רענעסאנס און אן די פראנצויזישע ענציקלאפעדיסטן־געלערטע און קינסטלער.

וועלס איז ער היום ניט איבערגעשטיגן געווארן אלס מאיסטער פון דער פסעוודא וויסנשאפטלעכער, אוטאפישער נאוועלע... אבער געשריבן האט ער זיי, הויפטזעכלעך, צוליב זיין גרויסן סאציאלן מוסר השכל.

ער איז געווען א רעוואלוציאנערער מאראליסט און סאציאלער רעפארמער; א ראציאנאליסט און א גרויסער מאמין אינם מענטשלעכן שכל, אין דער עוואלוציע פונם מענטשלעכן מין. און אין אלע זיינע קינסטלערישע, וויסנשאפטלעכע און פובליציסטישע ווערק האט ער געווארנט מענטשן און

פעלקער; זעט װאָס עס קומט, זעט װאָס עס מוז קומען... אַזעלכע און אַזעלכע מלחמות װעט איר האָבן אויב איר װעט אָנגיין מיט אייערע אָפּגעלעבטע אימפּעריאַליסטישע און נאַציאָנאַליסטישע דרכים... זעט װאָס פאַר אַ גליקן, אין װאָס פאַר אַ גן־עדן די װיסנשאַפט. דער מענטשלעכער געדאַנק קען פאַרװאַנדלען די געזעלשאַפט, אויב איר װעט זיך נור אָרגאַניזירן ראַציאָנאַל און ניט װי בלינדע זיך אַרומדרייען און אַרומבייסן אין און צוליב אייערע אָפּגעלעבטע, פּרימיטיװע גלויבנס און איבערגלויבנס....

װאָס װעלס האָט ניט געשריבן — און ער האָט אָנגעשריבן איבער הונדערט ביכער אַחוץ הונדערטער און הונדערטער אַרטיקלען און קורצע דערציילונגען, אויף װעלכע ער איז געװען אַ אָנערקענטער מייסטער — האָט ער געשריבן מיט דעם מוסר השכל.

ער האָט פאָראויסגעזען די קומענדיקע געשעעניש „טהע שעיפּ אָף טהינגס טו קאָם" אָבער ער האָט אויך געהאַט אַ חזיון, אַ אידעאַל פון אַ פאַראייניקטער מענטשהייט פון אַ „פאַראייניגטער װעלט רעפּובליק", װעלט מלוכה.

װעלס איז פיל אָפטער װי סיי װעלכער פון די מאָדערנע גרויסע שריפטשטעלער באַצייכנט געװאָרן אַלס נביא. און ער האָט אויך מער װי װער ס'איז אַנדערער פון די היינטיקע באַרימטע שריפטשטעלער „בוכשטעבלעך", אַזוי צו זאָגן, פאַרדינט אָנגערופן צו װערן נביא — פאָראויסזעער. ס'איז שוין געװאָרן אַ אָנגענומענער באַגריף: „אַ װעלט װירקלעכקייט, אַ װעלס בילד". מיר הערן לעצטנס אַזוי אָפט „אַז מיר לעבן איצט אין אַ װעלט־ערא": אין אַ צייט פון פליהענדיקע באָמבעס, ראַדאַ'ס, אַטאָמישע באָמבעס... — װיפיל מאָל האָבן מיר לאָנדאָנער בשעת מלחמה, װען הונדערטער און טויזנטער עראָפּלאַנען האָבן זיך טאָג און נאַכט געשלאָגן איבער אונזערע קעפּ געמוזט טראַכטן פון װעלסן: „האָבן מיר ניט ביי אים געלייענט אַז ס'װעט אַזוי זיין אין אַ מאָדערנער קריג."? „פּונקט" װי ער האָט עס פאָראויסגעזען און געשילדערט. — האָבן מיר אָפט געטראַכט.

די מלחמה־װירקלעכקייט אַליין האָט אויסגעזען אַזוי „ניט װירקלעך, פאַנטאַסטיש און ניט רעאַליסטיש" װי אַ װעלס נאָװעלע.

ב.

װעלס — דער נביא. דער װאָכעדיקער מאָדערנער נביא.

עס האָט גאָרניט אויסגעזען װי אַ נביא. ער האָט אפילו ניט געהאַט ניט קיין טאָלסטאָי אָדער טאַגאָרע באָרד, און אפילו ניט קיין בערנאַרד שאָ באָרד. װען איר האָט געטראָפן װעלסן אין גאַס צו אויף אַ מיטינג פון שרייבער אָדער געלערנטע, און איר האָט צופעליק באַמערקט זיין פעסטע, מיטל־װאוקסיקע פיגור, דאָס קיילעכיקע געגאָלטן פּנים, װאָלט איר געמיינט אַז דאָס איז אַ ענגלישער „סטאָק בראָקער" אָדער אַ פאַרמעגלעכער ביזנעסמאַן.

אַזאַ װאָכעדיקן, געװוינלעכן אויסזען האָט ער געהאַט. אַ טיפּישער מיטל־מאַן.



און זיין שטימע איז אויך װייט ניט געװען קיין פייערלעכע, מעטאַליש קלינגענדיקע נביאישע: װעלס שטימע איז געװען באַרימט מיט איר קװיטשל.

נור װען איר זענט געשטאַנען מיט אים פּנים אל פּנים, געקוקט אין זיינע בלויע, נייגעריק פאָרשענדיקע אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען, און דערפילט װי ס'איז אָנגענעם מיט אים צו רעדן — האָט איר באַגריפן אַז איר זעט פאַר זיך אַ אויסערגעװיינלעכן מענטשן. אַ נביא אָן אַ נביאישן מאַנטל, אָן אַ נביאישער באָרד, און אָן נביאישער פּאָזע. אַ מאָדערנער, זשורנאַליסטיש־װאָכענדיקער נביא — נו, װי דען װי האָט עס אַנדערש געקאָנט זיין?

פאַרקערט, אויב װעלס האָט יאָ פּאָזירט איז עס מיט זיין װאָכעדיקייט — ער פלעגט אָפט זאָגן אַז ער איז אַ זשורנאַליסט.

ער איז געװען אַ פיינער נאָװעליסט און קינסטלער — זיינע פּאָליטישע קאָנסערװאַטיװע קריטיקער האָבן שטענדיק געהאַט טענות „פאַר װאָס ער שרייבט בעסער ניט אַזעלכע פיינע נאָװעלן װי זיין מייסטער װערק „קיפּס" און „מר. פּאָלי" — אָבער פאַר „ריינער קונסט" פאָרמען און „עסטעטיקס" האָט ער זיך באַציונגען מיט אַ קלות ראש, אָדער אפשר נור פּרעטענדירט.

אָנגעהייבן האָט ער זיין קאַריערע אַלס ביאָלאָג. ער האָט שטודירט אונטער דעם באַרימטן האַקסלי — דער פריינט און מיטאַרבעטער פון דאַרװין, און באַטש ער איז באַלד געװאָרן באַרימט צוליב זיינע פּסעװדאָ װיסנשאַפטלעכע נאָװעלן; איז װעלסעס אַמביציע דאָך געװען דאָס גאַנצע לעבן פאַררעכנט צו װערן אַלס גרויסער װיסנשאַפטלער און היסטאָריקער און דאָס האָבן װייזט אויס, די פּראָפעסיאָנעלע װיסנשאַפטלער אים ניט געװאָלט צוליב טון.

ה. זש. װעלס האָט מסתמא מער שטאָלצירט מיט זיינע ענציקלאָפּעדישן מוח און ענציקלאָפּעדישע גרויסע אונטערנעמונגען (װי מיט זיין באַרימטער „װעלס געשיכטע". װעלכע איז, ניט קוקנדיק אויף פאַרשטענדלעכע פאַך־פעלערן, נאָך אַלץ אַ מאָנומענטאַל און איינציג װערק אויף דעת נעבױט) װי מיט זיינע ריין קינסטלערישע און שריפטשטעלערישע אַרבעטן און אפשר נאָך מער האָט ער שטאָלצירט מיטן באַװאוסטזיין אַז ער איז איינער פון די פאַר גרויסע לערער און װעג־װייזער פון אונזער צייט.

אין די צװאַנציקער יאָרן פונם איצטיקן יאָרהונדערט איז װעלס זיכער געװען דער באַרימטער שרייבער איבער דער גאָרער װעלט.

ג.

אויף װעלס קען מען זאָגן אַז ער איז געװען אַ „גלאָבאַל" שרייבער. ער האָט געדענקט אין װעלטן און פּלאַנעטן; ער האָט שטענדיק געזען די גאַנצע װעלט, די גאַנצע ערד אונזערע...

(און דאָס האָט אים אפשר אויך געשטערט אָפט צו פאַרטיפן זיך).

און ס'איז דוקא כאַראַקטעריסטיש און גאָרנישט פּאַראַדאָקסאַל — דער זעלבער װעלס, װעלכער האָט אַזוי פיין און אינטים געשילדערט דאָס געװייני־

פעלקער: זעט וואָס עס קומט, זעט וואָס עס מוז קומען... אַזעלכע און אַזעלכע מלחמות וועט איר האָבן אויב איר וועט אָנגיין מיט אייערע אָפּגעלעבטע אימפּעריאַליסטישע און נאַציאָנאַליסטישע דרכים... זעט וואָס פאַר אַ גליק, אין וואָס פאַרא גן־עדן די וויסנשאַפט. דער מענטשליכער געדאַנק קען פאַרוואַנדלען די געזעלשאַפט, אויב איר וועט זיך נור אָרגאַניזירן ראַציאָנאַל און ניט ווי בלינדע זיך אַרומדרייען אין און צוליב אייערע אָפּגעלעבטע, פּרימיטיווע גלויבנס און איבערגלויבנס....

וואָס וועלס האָט ניט געשריבן — און ער האָט אָנגעשריבן איבער הונדערט ביכער אַחוץ הונדערטער און הונדערטער אַרטיקלען און קורצע דערציילונגען, אויף וועלכע ער איז געווען אַ אָנערקענטער מאַיסטער — האָט ער געשריבן מיט דעם מוסר השׂכל.

ער האָט פאָראויסגעזען די קומענדיקע געשעענישן „טהע שעיפּ אָף טהינגס טו קאַם" אָבער ער האָט אויך געהאַט אַ חזיון, אַ אידעאַל פון אַ פאַראייניקטער מענטשהייט פון אַ „פאַראייניקטער וועלט רעפּובליק", וועלט מלוכה.

וועלס איז פיל אָפטער ווי סיי וועלכער פון די מאָדערנע גרויסע שריפטשטעלער באַצייכנט געוואָרן אַלס נביא. און ער האָט אויך מער ווי ווער ס'איז אַנדערער פון די היינטיקע באַרימטע שריפטשטעלער „בוכשטעבלעך", אַזוי צו זאָגן, פאַרדינט אָנגערופן צו ווערן נביא — פאָראויסזעער. ס'איז שוין געוואָרן אַ אָנגענומענער באַגריף: „אַ וועלט ווירקלעכקייט, אַ וועלס בילד". מיר הערן לעצטנס אַזוי אָפט „אַז מיר לעבן איצט אין אַ וועלט־ערא": אין אַ צייט פון פליִענדיקע באָמבעס, ראַדאַ'ס, אַטאָמישע באָמבעס... — וויפל מאָל האָבן מיר לאָנדאָנער בשעת מלחמה, ווען הונדערטער און טויזנטער עראָפּלאַנען האָבן זיך טאָג און נאַכט געשלאָגן איבער אונזערע קעפּ געמוזט טראַכטן פון וועלסן: „האָבן מיר ניט ביי אים געלייענט אַז ס'וועט אַזוי זיין אין אַ מאָדערנער קריג."? „פּונקט" ווי ער האָט עס פאָראויסגעזען און געשילדערט. — האָבן מיר אָפט געטראַכט.

די מלחמה־ווירקלעכקייט אַליין האָט אויסגעזען אַזוי „ניט ווירקלעך, פאַנטאַסטיש און ניט רעאַליסטיש" ווי אַ וועלס נאָוועלע.

ב.

וועלס — דער נביא. דער וואָכעדיקער מאָדערנער נביא.

עס האָט גאָרניט אויסגעזען ווי אַ נביא. ער האָט אפילו ניט געהאַט ניט קיין טאָלסטאָי אָדער טאַגאָרע באָרד, און אפילו ניט קיין בערנאַרד שאָ באָרד. ווען איר האָט געטראָפן וועלסן אין גאַס צו אויף אַ מיטינג פון שרייבער אָדער געלערטע, און איר האָט צופעליק באַמערקט זיין פעטע, מיטל־וואוקסיקע פיגור, דאָס קיילעכיק געגאָלטן פּנים, וואָלט איר געמיינט אַז דאָס איז אַ ענגלישער „סטאָק בראָקער" אָדער אַ פאַרמעגלעכער ביזנעסמאַן.

אזא וואָכעדיקן, געוויינלעכן אויסזען האָט ער געהאַט. אַ טיפּישער מיטל־מאַן.



און זיין שטימע איז אויך ווייט ניט געווען קיין פייערלעכע, מעטאַליש קלינגענדיקע נביאישע: וועלס שטימע איז געווען באַרימט מיט איר קוויטשל.

נור ווען איר זענט געשטאַנען מיט אים פּנים אל פּנים, געקוקט אין זיינע בלויע, נייגעריק פאָרשענדיקע אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען, און דערפילט ווי ס'איז אָנגענעם מיט אים צו רעדן — האָט איר באַגריפן אַז איר זעט פאַר זיך אַ אויסערגעוויינלעכן מענטשן. אַ נביא אָן אַ נביאישן מאַנטל, אָן אַ נביאישער באָרד, און אָן נביאישער פּאָזע. אַ מאָדערנער, זשורנאַליסטיש־וואָכעדיקער נביא — נו, ווי דען ווי האָט עס אַנדערש געקאָנט זיין?

פאַרקערט, אויב וועלס האָט יאָ פאָזירט איז עס מיט זיין וואָכעדיקייט — ער פלעגט אָפט זאָגן אַז ער איז אַ זשורנאַליסט.

ער איז געווען אַ פיינער נאָוועליסט און קינסטלער — זיינע פּאָליטישע קאָנסערוואַטיווע קריטיקער האָבן שטענדיק געהאַט טענות „פאַר וואָס ער שרייבט בעסער ניט אַזעלכע פיינע נאָוועלן ווי זיין מייסטער ווערק „קיפּס" און „מר. פּאָלי" — אָבער פאַר „ריינער קונסט" פאָרמען און „עסטעטיקס" האָט ער זיך באַציִונגען מיט אַ קלות ראש. אָדער אפשר נור פּרעטענדירט.

אָנגעהויבן האָט ער זיין קאַריערע אַלס ביאָלאָג. ער האָט שטודירט אונטער דעם באַרימטן האַקסלי — דער פריינט און מיטאַרבעטער פון דאַרווין, און כאָטש ער איז באַלד געוואָרן באַרימט צוליב זיינע פּסעוודאָ וויסנשאַפטלעכע נאָוועלן; איז וועלסעס אַמביציע דאָך געווען דאָס גאַנצע לעבן פאַררעכנט צו ווערן אַלס גרויסער וויסנשאַפטלער און היסטאָריקער און דאָס האָבן ווייזט אויס, די פּראָפעסיאָנעלע וויסנשאַפטלער אים ניט געוואָלט צוליב טון.

ה. זש. וועלס האָט מסתמא מער שטאָלצירט מיט זיינע ענציקלאָפּעדישן מוח און ענציקלאָפּעדישע גרויסע אונטערנעמונגען (ווי מיט זיין באַרימטער „וועלס געשיכטע". וועלכע איז, ניט קוקנדיק אויף פאַרשטענדלעכע פאַכפעלערן, נאָך אַלץ אַ מאָנומענטאַל און איינציג ווערק אויף דעת נעבים) ווי מיט זיינע ריין קינסטלערישע און שריפטשטעלערישע אַרבעטן און אפשר נאָך מער האָט ער שטאָלצירט מיטן באַוואוסטזיין אַז ער איז איינער פון די פּאָר גרויסע לערער און וועג־ווייזער פון אונזער צייט.

אין די צוואַנציקער יאָרן פונם איצטיקן יאָרהונדערט איז וועלס זיכער געווען דער באַרימטער שרייבער איבער דער גאָרער וועלט.

ג.

אויף וועלס קען מען זאָגן אַז ער איז געווען אַ „גלאָבאַל" שרייבער. ער האָט געדענקט אין וועלטן און פּלאַנעטן; ער האָט שטענדיק געזען די גאַנצע וועלט, די גאַנצע ערד אונזערע...

(און דאָס האָט אים אפשר אויך געשטערט אָפט צו פאַרטיפן זיך).

און ס'איז דוקא כאַראַקטעריסטיש און גאָרנישט פּאַראַדאָקסאַל — דער זעלבער וועלס, וועלכער האָט אַזוי פיין און אינטים געשילדערט דאָס געוויינ־

ליכע פראָווינציאַנעלע מענטשעלע „קיפּס", וועלס דער זון פונם נידריקן ענגלישן מיטלקלאַס זאָל זיך מיט דער הילף פון זיין קינסטלער אינטואיציע און רייך אַנטוויקלטן מוח פאַרמעסטן איינגעמען וועלטן: דער דיכטער פונם פּראָווינציאַנעלן מענטשעלע „קיפּס" מיט זיינע חלומות אַרויפצואַרבעטן זיך, האָט אונז אויך געגעבן ,די צייט־מאַשין" ; „דער ערשטער מענטש אויף דער לבנה" „דער אומזעבאַרער מענטש" ; „די וועלטן קריג" ; „די געטער שפייז" און צענדליקער נאָך אַזעלכע פאַנטאַסטיש־וויסנשאַפטלעכע ראָמאַנען און דערציילונגען. עפּעס ווי וועלס אַליין וואָלט מיט זיך און זיין פילפאַך און פּרוכטבאַר שאַפן פאַרקערפּערט און רעפּרעזענטירט דעם דורכשניט־מענטש, וואָס איז באַפלינעלט און אינספּירירט מיט געדאַנק און אינטואיציע: געבוירן אין אָרימע, באַליידיגנדיקע אומשטענדן (זיין מוטער האָט געמוזט דינען אין „דינסט") פון עלטערן אָרימע „שאָפּ־קיפּער" און פילענדיק דעם סנאָביזם פון די ענגלישע העכערע קלאַסן (פון וועלכע ער האָט שפּעטער אַזוי געחוזקט אין זיינע סאַטירישע ראָמאַנען און אין זיין רעוואָלוציאָנערער פּובליציסטיק...) איז ער אַ דאַנק זיינע ריזיקע פעאיקייטן און געוואַלדיקער ענערגיע געוואָרן אַ זעהער און שאַפער פון זיינע וועלטן — און אַ ׳וועלט פיגור.

ער האָט שטענדיק באַקעמפט דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם (אויף וועלסן זאָגט מען אַז ער איז געווען דער איינציקער ר ע פּ ו ב ל י ק אַ נ ע ר אין ענגלאַנד...) איז ער דאָך, קען מען זאָגן, געבליבן אַ כאַראַקטעריסטישער ענגלענדער — באמת אַ „קליינער ענגלענדער" — אין דעם אופן ווי ער האָט באַהאַנדלט די וועלט און אַלע וועלט־פּראָבלעמען, עפּעס ווי זיי וואָלטן געווען זיין אייגנטום, זיינע דאָמיניאָנס.

מיר דאַכט זיך אַז נור אַ ענגלענדער האָט געקענט אַרויסגעבן אַזאַ שריפטשטעלער ווי ה. זש. וועלס.

וועלס האָט ווי אַ איינענאַרטיקער סאָציאַליסט און דעמאָקראַט (ער האָט זיך נעקרינט מיט אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען און פּאַרטייען) געחוזקט און קריטיקירט די ענגלישע העכערע קלאַסן, די ירושה־אַריסטאָקראַטיע, און ער האָט געחלומט און געפּלאַנעוועט אין זיינע אוטאָפּיעס אַ אַריסטאָקראַטיע פון אינטעלעקט, וואָס זאָל בעל־הבית׳עווען איבער אונזער וועלטל... אַ מין ממלכת פון וויסנשאַפטליט, אַ דיקטאַטור פון אינטעלעקטואַלן — און ניט פונם פּראָלעטאַריאַט — איז געווען וועלס אוטאָפּיע.

מיטן סך הכל אַז אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט מלחמות, ווען ער האָט געזען ווי אַזוי פיל פון זיינע נביאות זיינען מקוים געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן מעשה „וועלט־בעל הבית", אָבער די וועלט האָט אים ניט געוואָלט פאָלגן.

ער איז געפאָרן צו לענינען, צו סטאַלינען, צו רוזוועלטן א.א. ניט נור הערן און לערנען פון זיי, נור... זיי אויך געבן זיינע „וועלס" עצות און ראַטן.. אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיי, ווי די וועלט בכלל, אים אויפגענומען נור.. ווי דעם גרויסן וויסנשאַפטלעכן ראָמאַניסט און ראָמאַנטישן וויסנ־



שאַפטסמאַן. און לענין האָט אים אפילו געוואָגט באַצייכענען אַלס „קליין־בירגער". אפשר טאַקע אַ „קליין בירגער", אָדער „קליין־ענגלענדער". אָבער אַ גאון, וועלכער האָט געזען וועלטן, דעם גאַנצן מענטשלעכן מין....

ער האָט דאָס גאַנצע לעבן געחלומט און געפּרעדיקט אַ וועלט רעפּובליק, אַ ברידערשאַפט צווישן מענטשן... און פעלקער און האָט געגלויבט אַז דעם מענטשנס אינטעלעקט וועט ראַטעווען און אויסלייזן די מענטשן. און ער איז געשטאָרבן אין יאוש. און זיין לעצט ווערק איז ער שוין שטאַרק פּעסימיסטיש וועגן דער צוקונפט פאַרן מענטשלכן מין....

אָבער ווער איז עס אין אונזערע „אַטאָמישער ערא" שטאַרק אָפּטימיסטיש?

איז ה. זש. וועלס געווען אַנטיסעמיטיש געשטימט?

מיר איז אָפּט אויסגעקומען צו הערן צווישן נאַציאָנאַלע אידן די מיינונג. אָבער איך גלויב אַז די מיינונג איז אַ פאַלשע:

דעם איינדרוק האָט מען באַקומען פון זיין עטוואָס אַלט־מאָדיש משכיליש אַפּיקורסישער ביבל־קריטיק אין זיין באַרימטער „וועלט געשיכטע": אויף אַ כאַראַקטעריסטישן וועלט־שטייגער, (ער האָט איבערהויפּט געהאַט אַ שוואַכקייט צו אַטאַקירן אַנגענומענע גרויסע היסטאָרישע פיגורן און ווערטן...) באַציט ער זיך מיט אַ געווייסן קלות ראש צו דער ביבלישער עפּאָכע, צו די נביאים, צו דער אַרכיטעקטור פונם בית המקדש, א.א. וו. מען קען גלויבן אַז דאָס איז איבערפלעכלעכע געשיכטע אויסטייטשונג — אָבער פאַר וואָס אַנטיסעמיטיזם?

וועלס האָט געהאַט אַסך „קליין־ענגלענדערישע" קאַפּריזן און עקסצענטרישקייטן: ער האָט צום ביישפּיל גאָרנישט געהאַלטן פון קאַרל מאַרקס און פלעגט זיך אָפּט אַזוי קליינליך טשעפּען צו קאַרל מאַרקס „אידישע באָרד"...

ווי בערנאַרד שאָ איז אויך וועלס געווען אַנטי־ציוניסטיש און קעגן דעם „יידישן סעפּעראַטיזם". אָבער דאָס איז דאָך ווייל זיי זיינען בכלל געווען קעגן יעדן נאַציאָנאַליזם. און... צווישן אונז גערעדט זיינען מיר אַליין שולדיג פאַר וואָס די אינטעלעקטואַלע ניט יידישע וועלט ווייסט אַזוי ווייניק פון דעם אַזוי גערופענעם „יידישן סעפּעראַטיזם"..... (די ציוניסטישע ליטעראַטור אין פרעמדע שפּראַכן איז דאָך אַזאַ אָרימע טעאָרעטיש).

אָבער צו אַנטיסעמיטיזם קומט עס ניט — ניט ביי שאָ און ניט ביי וועלסן, וועלכער האָט אַגב, קיינמאָל ניט „געחנפהט" היטלערן און מוסאָלינין, ווי בערנאַרד שאָ...

איך וואָלט ניט געזאָגט אַז וועלס האָט ליב געהאַט די יידן — אָבער וואו שטייט עס געשריבן אַז מען דאַרף ליב האָבן יידן? — און מיר זוכן נאַר ניט מען זאָל אונז ליב האָבן... עס וועט זיין גענוג אַז מען וועט זיך צו אונז באַציען קאָרעקט און מיט דרך ארץ — ווי מען דאַרף זיך באַציען צו יעדן פאָלק.

איך האָב אַמאָל — אין שפּאַניע, ווען ס׳איז מיר אויסגעקומען אים געבן אַ „ליפּט" אין אַ קאַר פון אַ באַרצעלאָנער „יידישיסט" — געפּרעקט ביי וועלס

„פאַרוואָס ער האָט ניט דערמאָנט זאַנגווילן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע...
„איך האָב אים ניט אָפט געטראָפן און ווען שוין יאָ אַמאָל איז ער געווען אויף דער דעפענסיווע, גלייך ווי מען וואָלט אים אַטאַקירט...“ — האָט וועלס געענטפערט מיט זיין קוויטשיקער שטימע.

אגב, האָט ער מיר דעמאָלט דערציילט אַז ער האָט געהאַט געפּלאַנעוועט אַ נאָוועלע פונעם ענגליש־יידישן לעבן; און מיר דערציילט פון די ליטוויקאָוום, סער סידני לינדער אַמאָל באַרימטער שעקספּיר פאָרשער. פרוי ליטוויקאָוום פאַטער) און פון אַנדערע ענגליש־יידישע פאַמיליעס.

אַנטיסעמיטיזם צי ניט, נור ס'איז אַ גרויסער שאָד וואָס ה. זש. וועלס האָט זיין יידישע נאָוועלע ניט אָנגעשריבן.

## ד״ר יעקב מייטלים

# געטאָ גבורות

### אויפן ראַנד פון ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי'ס „קאַמף פאַרן געזונט אין געטאָ־ווילנע“

מענטשן, וואָס האָבן דאָס נישט ביינעוואוינט, וואָס האָבן דאָס נישט מיט דעם אייגענעם בלוט איבערלעבט זענען זיך דאָס אַלץ גאַרנישט בכח פאַרצושטעלן.

אָט פרובט אייך אויסמאָלן די געפילן פון אַ מענטש, וואָס מיט טויזנטער אַנדערע איז ער געווען אויסגעשטעלט אין די טויט־רייען, אויפן ראַנד פון מאַסן־קברים, וואָס צום בלוטיקן געזאַנג פון קוילן־פייער פאַלט ער אַנידער צווישן די הויפנס נאַקעטע קערפּערס, געשענדעטע און געמאָרדעטע, וואָס נאָך אַ ווייל דערפילט ער אַ לייכט טיאָכקען אין האַרץ, ווי ער הייבט אָן צו זיך צוקומען, באַוועגט זיך צווישן די אומצאָליקע קאַלטע קערפּערס, דערהייבט זיך פון אַ באַרג מיט בר־מנן'ס און נעמט אַנטלויפן און ראַטעוועט זיך און יעצט קומט ער צוריק, צו אונז... די געשעענישן, וואָס אָט אַזאַ מענטש פון „יענער וועלט“ דערציילט אונז קענען מיר אין פולן גאַרנישט אויפכאַפּן. מיר קענען כמעט ווי זיין לשון נישט פאַרשטיין. מיר מוזן דאָס זיך עפּעס ווי איבערזעצן אין אַן אייגענער שפּראַך, כדי דאָס אַלץ קענען אַרויסזאָגן, אויסדריקן אין ווערטער. פאָרמולירן אין באַגריפן, פּאַמעלעך אַנטפּלעקט זיך פאַר אונזערע אויגן אַ בילד פון דער גרויסקייט, פון דער גבורה און קדושה פון אָט „יענע וועלטיקע“ מענטשן, וואָס האָבן מיטן כח פון זייער גלויבן און אומנאַטירלעכער פאַרביסענער עקשנות טריאומפירט איבער אַלע אכזריותן און ליידן און אַרויס בשלום, גאַנץ אין זייער גוף און האַרץ. זיי זיינען צוריק ביי אונז און מיר פילן זיך גליקליך, אַז מיר האָבן זיי צווישן זיך.

אָט די געדאַנקען זיינען מיר אַרויסגעקומען, בשעת כ'האָב געלייענט די



בראָשור פון מאַרק דוואָרזשעצקי'ן 1). וואָס, ווי דער מחבר לאָזט אונז הערן, שטעלט מיט זיך פאָר נאָר אַ קאַפּיטל פונם בוך „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום“, וואָס ער האַלט ביים פאַרענדיקן. דעם איבנאַויפיקן לייענער וועט זיך אויסדוכטן, אַז דאָס איז אפשר אַ טרוקענער באַריכט פון אַ דאָקטאָר־פאַכמאַן, אָנגעפּיקעוועט מיט פאַקטן, צאָלן און רשימות וועגן אַזאַ מין פּראָזאַאישן ענין, ווי דער געזונדהייטס־וועזן אין ווילנער געטאָ. מ'ברויך אָבער נישט צו זיין קיין צו גרויסער מבין, כדי איינצוזעען, אַז דער דאָקטאָר־פאַכמאַן, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען דעם קאַמף און חורבן פון דער ירושלים דליטא, וואָס האָט אַליין אַקטיוו אָנטייל גענומען אין דער גרויסער אחריותדיקער אַרבעט און אַ דורכגעמאַכט אַלע ז' מדורי גיהנום ביז צו זיין רעטונג, אַז ער שרייבט מיט בלוט. אין תוך זיינען די שטילע, באַשיידענע בלעטלעך פון זיין באַריכט אמת'ע פרקי גבורה, שילדערונגען פון אַן עקשנותדיקן, פאַרביטערטן אין העראָאישן קאַמף פון אַ גרופּע איבערגעגעבענע פאָלקסטוער, לערער. דאָקטוירים, אינזשיניערן, קראַנקען־שוועסטערן און סתם יידן, וואָס האָבן זיך גענומען צו אָרגאַניזירן מעדיצינישע הילף און אַזוי אַרום העלפן שטאַרקן דעם מאָראַלישן ווידערשטאַנד קעגן די פאַרניכטונגס־פּלענער פונם אכזריותדיקן שונא.

עס איז געווען אַן אָרגאַניזירטער, האַרטער קאַמף נישט נאָר קעגן פיזישער אויסראָטונג, נאָר אויך קעגן מאָראַלישער און גייסטיקער דעגראַדאַציע. דער שונא האָט געוואָלט דערניידעריקן, פאַרשוועכן דעם צלם אלקים ביים ייד, האָט מען זיך נישט נאָר נישט אונטערגעגעבן, נאָר מען האָט געטראָגן דעם קאָפּ נאָך העכער, שטאָלצער און מיט ווירדע. הערט, וואָס דער מחבר זאָגט וועגן די פאָרמען פון קאַמף:

„דורך שאַפן אַ נעץ פון אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן די יידן געשטעלט דעם נאַצי־רעזשים אַן אַנטשיידענעם פּאָליטישן ווידערשטאַנד.

„אין מוסטערהאַפטן אָרגאַניזירטן קאַמף קעגן הונגער האָט זיך אויסגעדריקט דער עקאָנאָמישער ווידערשטאַנד.

„אין שאַפן אַ נעץ פון שולן, קולטור־אינסטיטוציעס, טעאַטער, פאָרטראַגן, איז פאַרקערפּערט געוואָרן דער קולטור־ווידערשטאַנד.

„דורך שאַפן פאָרמען פון אינעווייניקסטער דיסציפּלין, פון קאָלעקטיווער זאָרג פאַרן שוואַכן און אומפאַרגעסלעכן, דורך וועקן דעם מוט און דאָס געפיל פון סאָלידאַרישקייט, דורך וואַכזאַמער אויפזיכט אויפן קינד בכלל, אויפן פאַרוואָרלאָזטן קינד בפרט, איז געשטעלט געוואָרן דעם נאַצי־רעזשים אַ

1) ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי. קאַמף פאַרן געזונט אין געטאָ־ווילנע. „אָזע“־פאַרבאַנד, פּאַריז, זשענעוו 1946, מיט אַן אַריינפירוואָרט פון פּראָפ. ל. הערש, 78 זייטן, מיט בילדער און דיאַגראַמען.

ווירקנדיקער מאראלישער ווידערשטאנד. און ענדלעך דורך דער פארטיזאנען־באוועגונג — דער מוטיקער באוואפנטער ווידערשטאנד".

כדי אפצוהאלטן דעם געטא־קאלעקטיוו פון א מאראלישן אונטערגאנג, כדי אים צו שטארקן, און אויפצוהאלטן א שטראל פון האפענונג אין די וויסטע, פינצטערע און האפענונגסלאזע באדינגונגען, האט זיך געפאדערט נישט נאר גרויסע ליבשאפט, עכטע גוטסקייט און מסירת נפש, נאר טאקע אויך גייסטיקע גבורה און געוואלדיקע פיזישע כחות, וואס האבן, זעט זיך אויס, גענומען וואקסן מיט דער גרויס פון די אויפגאבן.

מאלט אייך אויס, פאר א רגע דעם הינטערגרונד פון דעם גרויסן עלענט אין געטא. אויף א קליינעם און ענגן שטח פון עטלעכע שמאלע געסלעך און א פאר הויפן, אונטער אוממענטשלעכע און נישט־ווירדיקע באדינגונגען, זיינען געווען פארשפארט אינם ווילנער געטא קרוב 30 טויזנט נפשות. די ענגשאפט איז געווען נישט צו דערטראגן. אין א קליין צימערל, ווי עס זאגט עדות ד"ר דווארזשעצקי, האבן געוואוינט פון 15־20 פערזאנען, וואו די לופט איז געווען דערדריקענדיק שווער. מענטשן האבן אפט נישט געקאנט שלאפן צוליב מאנגל אין לופט. קאנאליזאציע איז געווען פארניכטעט, באהייצונג האט אויסגעפעלט, באקליידונג און שיך זיינען כמעט נישט געווען בנמצא און א וויסטער הונגער האט געגאנגט. וואס פאר א וואונדער, אז קעלט, ענגשאפט, הונגער, שמוץ, פייכטקייט און שימל אין די צימערן, וואנצן און לייז, — האבן בסדר אונטערגעגראבן דעם געזונטהייטס־צושטאנד פון די איינוואוינער און געשאפן אזא סאניטאר־היגיענישע לאגע, וואס איז געווען עלול ארויסצורופן עפידעמיעס און מאסן־טויט אין די מויערן פון געטא.

די יידישע דאקטוירים האבן גאנץ גוט פארשטאנען, אז עפידעמיעס קענען נאר פארשנעלערן דעם אומקום פון געטא, און דעריבער איז געווען די אויפגאבע צו געווינען צייט. מ'האט דערפאר אויפגענומען דעם קאמף פאר דער געזונטהייט פון יידן מיט אלע מיטלען און אים א דורכגעפירט מיט גרויס דערפאלג. מ'האט זיך גענומען פארבעסערן די סאניטארע באדינגונגען, איינגעפירט דעזינפעקציע־קאמערן, וועשערייען, איינגעארדנט פאפולערע לעקציעס. געשאפן א געטא־שפיטאל, א ניכע־הילף, אן אפטייק און א געטא־קאנטין. מ'האט זיך גענומען אפילו צו פראדוצירן הייל־מיטלען און פרעפאראטן. אין איינעם פון די ענגע הויפן האט מען אפילו פארפלאנצט א בלומען־גערטל, וואו קינדער פלעגן זיך שפילן און די געטא־יוגנט איז געגאנגען שפאצירן.

מיט אייגענע כחות האט מען אויפגענומען דעם קאמף קעגן הונגער. א ווינטער־הילף קאמיטעט האט געזאמלט קליידער פארן ווינטער. פאלקס־קיכן, רעסטאראנען, קאפע־הייזער און בעקערייען זיינען געווארן געגרינדעט. מ'האט געשאפן א קינדער־אויפזיכט און לערן־און פאך־שולן פאר יוגנט און דערוואקסענע. אפילו דער ספארט איז נישט געווארן פארנאכלעסיקט. דער



מחבר דערציילט וועגן א געטא־אלימפיאדע, וואס איז געווארן אפגעהאלטן, מיט א גאסן־לויף פון מענער־גרופן און פרויען־גרופן.

צוזאמען מיטן קאמף פארן געזונט, האט מען געזוכט מיט אלע כחות אויפצוהאלטן דעם גייסט. די פאראנטווארטלעכע יידישע פאקטארן אין געטא האבן צוגערופן דעם עולם נישט אריינצופאלן אין יאוש. דעם מוט און די מאראל האט דער שונא נישט געבראכן. „מען האט זיך דערמוטיקט מיט אפטימיסטישע ידיעות, קלאנגען און גלויבן אין גיכן סוף. עס זיינען אנטשטאנען נייע קוואלן פון גייסטיקע און פיזישע ווידערשטאנדס־פעאיקייטן. דער פארלאנג צום לעבן האט דערגרייכט די העכסטע שטופע און איז געווען א מעכטיקער אימפולס דורכצוטראגן די שווערע קנעכטישע איבערלעבונגען", פירט דווארזשעצקי אויס זיין פסיכאלאגישן אנאליז.

און יידן אין ירושלים דליטא, צווישן די טראגישע איבערלעבונגען פון שטענדיק דערווארטן דעם נאענטן טויט, האבן געשאפן שולן און קינדערגערטנער, א יידישן און העברעאישן טעאטער, יידישע און העברעאישע כארן, ארגאניזירט קאנצערטן, אקאדעמיעס, גימנאזיאלע און טעכנישע קורסן, פארייען, יוגנט־באוועגונג, א ליטעראטן־פאריין, — בקיצור, אלץ דאס אין וואס עס נויטיקט זיך א האמאגענער און לעבעדיקער יידישער ישוב.

איין קאפיטל ווידמעט נאך דער מחבר די שיינע, פאלקסטימלעכע געשטאלטן פון די ווילנער דאקטוירים און יידישע פירער, ווי למשל, ד"ר יעקב ווינאדסקי, גרשון גערשוני, לאזאר עפשטיין און אסך אנדערע, וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פארן יידישן כבוד און איינגעקריצט זייערע נעמען מיט גאלדערנע אותיות אין דער וואונדערלעכער געשיכטע פון דעם גבורה־קאמף פון יידישן פאלק.

אזוי דערציילט אונז דווארזשעצקי ציכטיק, שטיל, אן ליארם און היסטעריע, כמעט מיט דער אביעקטיוויטעט פון א היסטאריקער וועגן אלצדינג, וואס ער האט געזען, איבערגעלעבט און מיטגעליטן אין דעם שווערן געראנגל פון דעם ווילנער געטא. אבער זיין בוך האנדלט דערווייל נאר וועגן דער פארביסענער ראנגלעניש פונם געטא־קאלעקטיוו פאר זיין געזונט. עס איז נאר איין, לאמיר זאגן א וויכטיקער, אספעקט פונם געטא לעבן. מיר זיינען שוין נייגעריק אויף דעם המשך, אויף דעם קאמפלעטן בוך. לאמיר האפן, אז דווארזשעצקי, וואס איז נישט נאר א גוטער דערציילער, נאר אויך א גוטער באאבאכטער, וועט אונז נישט לאזן צו לאנג ווארטן. י.

זיינוול דיאַמאַנט

## פאַרן שטורעם

(רעפּאָרטאַזש דערציילונג)

וו. ווידעוויאַרקען צום אָנדענק

אין דער לופט האָט געשמעקט מיט סכנה, מיט אומגליק. פון אָנהייב אָקופּאַציע אָן, האָט מען זיך איבערגעגעבן פון מויל צו אויער, אַז די פראַנצויזן ליגן איין וועלטן: אַז זיי ליפן איבער דעם דייטשן קאָמענדאַנט און פאָדערן פון אים, אַז ער זאָל וואָס גיכער איינפירן די „נירנבערגער־געזעצן“... מען איז געווען זיכער, אַז מען וועט אַ ליאַרע טאָג מוזן אַנטאָן די געלע לאַטע... מען האָט געשמועסט, אַז דאָ און דאָרט, האָט מען שוין אָנגעפירט אין אָפּגעלייגט ברעטער און קלעצער, אַז מען גייט בויען באַראַקן, לאַגערן... און פאַר וועמען זאָל דאָס זיין, אויב נישט פאַר יידן?...

ר׳ פייוול, דער „בעל־שם“ פון „פּלעצל“, איז געווען אַ ייד מיט אַ הדרת־פּנים. ער האָט אַרויסגערופן צו זיך גרויס אָפּשיי צווישן דעם אַלטן, איינגעזעסענעם דור יידן פון פּאַריז. פאַר דעם רוב פון די יינגע, אימיגרירטע יידן, איז ער געווען נישט מער, ווי עפּעס אַ „משיקאָווער טיפּ“; ער האָט, אין זייערע אויגן, אויסגעזען, ווי עפּעס אַ פאַרבלאָנדזשעטער, אָן איבערגעבליבענער פון אַ דור וואָס איז שוין אויסגעשטאָרבן, וואָס איז שוין היינט נישטאָ. יעדער האָט דעם „בעל־שם“ געזען אויף זיין שטייגער: פאַר איינעם איז ער געווען, ווי עפּעס אַ יידל, גלייך ווי מען וואָלט אים אַראָפּגענומען פון די ווינטש־קאַרטלעך, וואָס מען פלעגט, אלול־צייט, זיך אַראָפּכאַפּן אויפן „פּלעצל“ כדי יידן איינצוהאַנדלען אויף אַ היימצושיקן קיין פּוילן צו אַלטע מאַטע־מאַמע. פאַר אַנדערע, איז ער געווען אַ טיפּ פון אַ משכיל, ווי מען וואָלט אים אַרויסגענומען פון די ביכער פון מענדעלע־מוכר־ספרים, פּרץ און שלום־עליכם... אַ דריטער האָט אים אָנגענומען פאַר „עפּעס אַ ראַבינער דאָרט מסתמא“... אָבער איטלעכער וואָס האָט אים געזען, האָט זיך געמוזט אויף אים אָפּשטעלן, בלייבן שטיין אַ רגע, אים נאָכקוקן, און שטעלן זיך די פראַגע: „ווער איז ער?“...

בלויז דער עלטערער דור עמיגראַנטן אויפן „פּלעצל“, און אויך די וואָס האָבן זיך שוין „אַרויפגעאַרבעט“, און האָבן זיך שוין אַרויסגעצויגן אויף די „גרויסע־בולוואַרן“, האָבן געוואוסט ווער דער „בעל־שם“ איז.

פאַרוואָס האָט מען אים גערופן „בעל־שם“? פאַרוואָס האָט מען עפּעס צו דעם דאָזיקן יידן צוגעטשעפּעט דעם נאָמען פון דעם גרויסן צדיק — דעם שאַפער פון חסידיזם? דאָס האָט קיינער נישט געוואוסט, און מסתמא אויך נישט געזוכט צו וויסן. אָבער, אַז ער האָט זיך באַוויזן אין גאַס, אָדער אין דער שול פון ריוואָלי, מיט זיין אייביקן שוואַרצן פראַק, מיט דעם שוואַרצן, ווייכן הוט מיט דער ברייטער ראַנד, מיט דעם שטייפן, גומענעם קאָלנער,



מיט דער שוואַרצער שלייף, אויסגעבונדן אַביסל אויף דעם מאַניער פון די מאַנמאַרטער און מאָנפּאַרנאַסער קינסטלער, (נאָר מיט אַביסל מער נאָבלעסקייט) און מיט זיין כמעט יונגען פּנים, וואָס איז געווען איינגערעמט אין אַ ווייסער, אַרומגעשוירענער באָרד, — האָט מען אים, מיט גרויס דרך־ארץ, נעגריסט; מען האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ ייד, אַ תּלמיד־חכם, און דערצו אַ משכיל, אַ ייד, וואָס איז נישט, ווי די אַנדערע, אַריינגעטאָן אין מסחר, אין הערינג, שמאַטעס, אָדער ווייבערשע קליידער... מען האָט אפילו נישט קלאָר געוואוסט, פון וואָס דער ייד לעבט; מען האָט דאָס אויך נישט געזוכט צו וויסן... מען האָט בלויז געוואוסט, אַז דאָס איז אַ ייד וואָס לייענט ביכער און ציַיטונגען, וואָס קען שפּראַכן, וואָס קומט נישט בלויז אין דער שול פון ריוואָלי — נאָר אויך אין דער געזעלשאַפט פון די „הויכע פענצטער“; איז באַקאַנט אין די קרייזן פון די פראַנצויזישע יידן; אין די קאָנסיסטאָריע־קרייזן, און אפילו אויך אין די קרייזן פון די פראַנצויזישע געלערנטע פון סען־מישעל; מען האָט זיך אויך איבערגעגעבן, אַז ער שמועסט אָפט מיט פּראָפעסאָרן פון דער סאָרבאָנע, אַז זיי באַראַטן זיך מיט אים אין הלכות יידישקייט, און אַז מיט איניקע פון זיי, איז ער גאָר גוט באַפריינדעט...

* * *

איצט, בעת קיין יידישע צייטונגען זענען מער נישט געווען, קיין פאַרזאַמלונגען אין יידישע געזעלשאַפטן־זענען מער נישט פאָרגעקומען, דער פראַנצויזישער ראַדיאָ איז נישט געווען מער. ווי די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע איבערגעזעצט אין דער פראַנצויזישער שפּראַך; די פראַנצויזישע צייטונגען — איבערגעזעצט פון די דייטשע נאַצי־בלעטער, און דורכגעמישט מיט שטרייכערס ראַסיסטישע אַרטיקלען פון זיין „פעלקישן־בעאָבאַכטער“, און צוגעשמאַלצן מיט אַ היפּשן ביסל היימישן, פראַנצויזישן אַנטיסעמיטיזם, אין וועלכן מען האָט לייכט געקענט דערקענען דעם אַנטיסעמיטיזם פון די צייטן פון דרומאָן און פון דעם דרייפוס־פּראָצעס — האָט דאָס יידישע פּאַריז, צום מערסטן געשפּייזט זיך מיט די נייעס, וואָס מען האָט זיך איבערגעגעבן פון מויל צו אויער... דער „כ׳האָב געהערט“ און דער „מען זאָגט“ האָט אין אַלגעמיין איצט אין פּאַריז געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע... און איז אָפט אויך געווען אַ ווירקזאַמער קיינמיטל קעגן דער נאַציישער פּראָפּאַגאַנדע, און איז אויך שפּעטער טאַקע געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע געווערן, וואָס עס האָט באַנוצט די פראַנצויזישע ווידערשטאַנדס־באַוועגונג...

דער קוואַל, פון וואַנען מען האָט געצויגן די דאָזיקע ידיעות, איז געווען דער ענגלישער ראַדיאָ, דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט, איז געוואָרן די וויכטיקסטע זאַך אין אַ סך הויז פון דעם פראַנצויזישן איינוווינער; דעם סדר פון די „פּערטל־שעה׳ן“ פון דעם ענגלישן ראַדיאָ, האָט מען כמעט געקענט אויף אויסנווייניק; אויף די שעה׳ן האָט מען קיין ראַנדעוואָוס נישט געמאַכט; מען האָט זיך באַמיט צו זיין אין שטוב; אונטער פאַרמאַכטע לאָדנס, אַראָפּגעלאָזענע פאָרהאַנגען, און פאַרשלאָסענע טירן — האָט מען זיך, אין די

אונטן, אַרומגעזאַמלט אַרום דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט און מען האָט געהאָרכט...

אָפּט, זענען זיך צום „האָרכן" צונויפגעקומען שכנים פון די העכערע און נידעריקערע שטאָקן; פרויען האָבן זיך מיטגעבראַכט זייערע וואָל־און־שפּילעך, מענער — זייערע פּעקלעך פּאַפּיראָסן, און גאַנץ אָפּט אויך, נאָר בלויז שטיקלעך אָפּפאַל פון פּאַפּיראָסן... מען האָט גערויכערט, די פרויען האָבן געשטריקט, און מען האָט געהאָרכט צום „קעסטל"...

די ידיעות האָבן זיך קוים איבערגענעכטיקט איבער נאַכט אין די שטובן; ווען מען וואָלט באַנאַכט געווען געמעגט אַרויסגיין, וואָלט מען זיי נאָך באַנאַכט געווען איבער פּאַריז צעטראָגן... און אין די בלאָע פּאַרטאָגן, גלייך ווי מען האָט נאָר געמעגט אַרויסגיין אין גאַס, גלייך ווי מען האָט נאָר געקענט נעמען אַ מעטראָ, — האָט מען די נייעסן שוין צעטראָגן איבער פּאַריז, און זייער אָפּט איז מען איבעראַשט געוואָרן זיך צו דערוויסן, אַז יענער ווייס עס שוין, אַז דאָס איז שוין ביי יענעם אַן „אַלטע־נייעס"...

די דייטשן האָבן זיך טאַקע גיך געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ מעכטיקער געווער קעגן זיי, און אויך זייערע שותפים — די פראַנצויזישע „קאָלאַבאָראַציאָניסטן" האָט דאָס פיל זאָרגן פאַרשאַפט; אָבער זיי זענען ביידע געווען אָנמעכטיק; האָבן נישט געקענט קעגן דעם געפינען קיין גוט און ווירקזאַם מיטל. רעקוויזירן ביים עולם די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן האָט מען נישט געקענט; ווי אַזוי וועלן זיי מאַכן זייער אייגענע פּראָפּאַגאַנדע?.. דאָס וואָלט געהייסן: „אַרויסנעמען באַדיי זיך איין אויג — אַבי יענעם ביידע"... זענען נאָר געבליבן צוויי מיטלען: די פראַנצויזישע „קאָלאַבאָראַציאָניסטן" האָבן, אין זייער ראַדיאָ און אין זייערע צייטונגען, אָנגעהויבן אַ נאָר שאַרפע פּראָפּאַגאַנדע קעגן די „באָבאָרן" — קעגן די פאַלשע קלאַנגען הייסט עס... גאַנצע זייטן, זענען אין די בלעטער וועגן דעם געדרוקט געוואָרן, און שעה'ן גאַנצע, האָבן די „ספּיקערס" אין די מיקראָפאָנען וועגן דעם גערעדט; און אויסגעקומען איז שטענדיק, אַז דאָס זענען די ייִדן די גרויסע פאַרשפּרייטער פון די ווילדסטע גרויל־פּראָפּאַגאַנדעס, און פון די אויסטערלישסטע „באָבאָרן"...

דער צווייטער מיטל, איז געווען אַ מין טעכנישער: מען האָט געקעמפט, אַזוי צו זאָגן מיט מיקראָב קעגן מיקראָב... — מיט ראַדיאָ־כוואַליעס קעגן ראַדיאָ־כוואַליעס: אויף די זעלביקע כוואַליעס וואָס די ענגלענדער האָבן גערעדט, און אויך אויף די זעלביקע כוואַליעס, וואָס די פראַנצויזן פון ענגלאַנד האָבן געלאָזן הערן זייערע „פּערטל־שעה'ן": פראַנצויזן רעדן צו פראַנצויזן" — האָבן „זיי" אָנגעשטעלט אַ מין קאַטערינקע, געמאַכט אַ קאַצן־מוזיק — אַ מין איינטאָניקע גרילצעריי, וואָס מען האָט באמת געדאַרפט האָבן געזונטע נערוון, דאָס צו קענען פאַרטראָגן... אָבער דער ווילן צו הערן אַן אַנדער וואָרט, חוץ דער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע, צו הערן אַ געדאַנק וואָס שמעקט מיט פרייהייט, וואָס גיט האָפענונג אויף דערלייזונג; צו הערן אויסשפּילן די „מאַרסעליעזע" — איז געווען פיל שטאַרקער ווי זייער גרילצעריי, ווי זייער קאַטערינקע און קאַצן־יאַמער־מוזיק; און מען האָט זיך צו דעם אויך צוגע־



וואוינט, ווי טיטוס האָט זיך צוגעוואוינט צו דער פליג. און מען האָט שוין זייער גרילצעריי נאָר כמעט נישט געהערט, נאָר בלויז די ריינע, לויטערע טענער פון דער „מאַרסעליעזע". אָפּט אויך פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל", און די זיסע, פאַרווינגדיקע ווערטער, וואָס האָבן גערעדט וועגן דערלייזונג און וועגן פרייהייט... דאָס מענטשלעכע אויער איז געוואָרן אַ מין פאַרפיינערטער דעטעקטאָר, וואָס האָט שוין אויטאָמאַטיש אַליין אָפּגעוואָרפן אין אַ זייט דעם שונא'ס געגרילצעריי, און האָט אויפגענומען בלויז די האָפערדיקע טענער און ווערטער, וואָס זענען געקומען פון די, וועלכע ער האָט גערעכנט פאַר זיינע גוטע־פריינט, און האָט זיי איבערגעגעבן צו דעם מענטשנס נשמה, וואָס האָט פונקט ווי דער גוף — אויך געלעכצט נאָך באַפרייאונג...

* * *

ביי די פּאַריזער איינגעוואַנדערטע ייִדן, וועלכע האָבן צום מערסטן געלעבט איצט אין צער, נאָך די משפּחות און פריינט, וואָס זיי האָבן געלאָזן אין די אַלטע היימען, פון וועלכע זי זענען, זייט דער מלחמה אינגאַנצן אָפּגעשניטן געוואָרן; און אויך אין גרויס שרעק, פאַר דעם פּלוצעמדיקן בלייבן אויף הפקר, פּנים־אל־פּנים מיט דעם שונא, ווי ווערלאָזער וואַנדערער, וואָס ווערט פּלוצים באַפאַלן פון אַ סטאַדע וועלף אין וואַלד, — איז דער ראַדיאָ געווען די איינציקע מעגלעכקייט, דורך וועלכן זיי זאָלן הערן שטימען, וואָס האָבן זיך זיי אויסגעוויזן צו זיין מענטשלעכע, און אָפּט אַפילו, אויך פריינטלעכע...

און דער גרעסטער שרעק פאַר אַ „בייז־אויג", האָט מען זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם „קעסטל", און מען האָט געהערט... און הערן האָבן די ייִדן געקענט מער ווי די דורכשניטלעכע פראַנצויזן, וואָס פאַרשטייען אָפּט נישט מער ווי זייער אייגענע, פראַנצויזישע שפּראַך... דאָס ייִדישע אויער פאַרשטייט אָפּט אויפצונעמען פיל שפּראַכן: מען האָט געהערט אויף פראַנצויזיש, אויף דייטש, אויף רוסיש, פּויליש, טשעכיש, סלאָוואַקיש, אונגאַריש, האָלענדיש און פלעמיש... אַ ייִדישער אויער האָט געהאַט מער ווי אויף איין „פּערטל־שעה". אַ ייִדישער אויער האָט אָפּט אויפגענומען אַלע „פּערטל־שעה'ן", און דער ייִד איז אָפּט ערשט אוועקגעגאַנגען פונעם „קעסטל" דעמאָלט, ווען דאָס האָט ווידער גענומען איבער'חזר'ן אויפסניי די זעלבע נייעסן אין די זעלבע שפּראַכן...

און די ייִדן, וועלכע האָבן מורא געהאַט צו ווידערשפּעניקן, אָדער וועלכע האָבן קיין ראַדיאָס נישט געהאַט, האָבן זיי געטאָן ווי זייערע עלטערן אין די שטעטלעך האָבן געטאָן מיט יאָרן צוריק: מען איז געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין „הערן נייעס"... און פּונקט ווי זייערע עלטערן אין די אַלטע היימען, צוגעלייגט אַן אויער צו אַ רעדל אין בית־מדרש, כדי צו הערן פון איינעם וואָס לייענט די גאַזעטן — „עפּעס נייעס", וועגן דעם דרייפוס־פּראָצעס, וועגן דעם ביילים־פּראָצעס, אָדער וועגן דער יאַפּאַנסקער מלחמה, — אַזוי האָבן זיי איצט צוגעלייגט אַן אויער צו אַ רעדל, צו הערן דערציילן, וואָס עס זאָגט

עפּעס דאָס „קעסטל" און אָפּטמאָל, האָט מען זיך נישט באַנוגנעט בלויז מיט דער נייעם פונעם „קעסטל", נאָר מען האָט דער עיקר געוואָלט וויסן, וואָס עס האָבן געהערט די מענטשן, וועגן וועלכע מען האָט געוואוסט, אַז זיי האָבן אַ צוטריט צו עמעצן, צו אַ „פּערזענלעכקייט", פון די פראַנצויזישע קרייזן... אָט אַזאַ מין מענטש אויפן „פּלעצל", איז געווען דער פּייוול „בעל־שם": מען איז געווען זיכער, אַז ער איז מחויב צו וויסן אַזעלכעס, וואָס אַנדערע קענען דאָס נישט וויסן... אַז דער „בעל־שם" איז אַריינגעקומען אין דער שול אויף ריי־פּאַווע, האָט מען אָנגעהויבן צו מורמלען:

„ר' פּייוול גייט, מ'וועט באַלד געוואויר ווערן עפּעס נייעס"... אַפילו פון דער מזרח־וואַנט האָט מען גענומען אים אַקעגנגיין, און אין טלית־און־תפילין האָט מען אים אַרומגערינגלט:

„גוט מאָרגן, ר' פּייוול!" האָט מען אים פון אַלע זייטן דערלאַנגט הענט, ווי מען שטופּט זיך ביי אַ „גוטן־יידן" שלום צו נעמען, „וואָס הערט מען עפּעס נייעס?"...

ר' פּייוול האָט אַראָפּגענומען זיינע ברילן מיט די דיקע, נאַקעטע גלעזער אָן ראַמלעך, מיט בלויזע גילדערנע האַלאַבליעס, האָט זיי גענומען ווישן מיט אַ קלאָרער, ווייסער נאָז־טיכל, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער הינטערשטער קעשענע פון זיין שוואַרצן, אָפּגעריבענעם פראַק, און האָט געקרעכצט:

„נישט קיין גוטס, מיינע ליבע יידן, קיין שום גוטס"...

דאָס רעדל טליתים אַרום ר' פּייוולען, איז גרעסער געוואָרן; מייל און אויערן האָבן זיך אָנגעשפּיצט; אַפילו די צוויי דריי אַלטע ווייבער, וועלכע זענען געשטאַנען אינדערהויך, אויף דעם באַלקאָן, האָבן, איבער זייערע צעעפנטע סידורים, זיך אַריבערגעבויגן, און האָבן אַראָפּגעקוקט צו די מאַנספּערשוינען; עס האָט זיך אונטן אויסגעוויזן, אַז אָט, אָט, וועלן זייערע שייטלען זיי פון די קעפּ אַראָפּפאַלן, און וועלן פאַלן גלייך אויף דעם רעדל מאַנספּערשוינען אַרויף... ר' פּייוול „בעל־שם" האָט, מיט געלאַסנקייט, זיך צוריק אַרויפגעזעצט זיינע ברילן אויף דער געהויקערטער נאָז:

„איך האָב געהערט פון אַ גרויסער, פראַנצויזישער פּערזענליכקייט, וואָס איך קאָן אייך נישט מגלה זיין זיין נאָמען, אַז אַ דעלעגאַציע פון פראַנצויזישע רשעים, איז געגאַנגען צום קאָמענדאַנט, און זיי האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל תיכף איינפירן די „נירעמבערגער געזעצן", האָט דער קאָמענדאַנט געענטפערט: „מיר האָבן נישט בדעה, דאָ אין פראַנקרייך, איינצופירן די ראַסן־געזעצן... יעדנפאַלס — האָט ער געזאָגט — האָב איך נאָך דערווייל נישט וועגן דעם קיין שום באַפעלן, קיין שום אינסטרוקציעס נישט... נאָר וויבאַלד — האָט דער קאָמענדאַנט געזאָגט — אַז די פראַנצויזישע באַפעלקערונג פאַרלאַנגט דאָס פון מיר, וועל איך תיכף מאַכן אַ רעפּאָרט, און וועל אָנפרעגן וועגן דעם אין בערלין"...



אַ טיפער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער גאַנצער, צענויפגעדרענגטער מחנה טליתים.

„אויב אַזוי — האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופן אַראָלף ענגעלמאַן, דער שניידער־„פּאַטראָן" פון די „גרויסע־בולוואַרן", וועלכע האָט געהאַט יאָרצייט, און האָט זיך „אַראָפּגעכאַפּט" אויפן „פּלעצל" כדי צו זאָגן קדיש — ווייזט אויס, אַז עס שטימט שוין טאַקע וואָס איך האָב נעכטן געהערט... אַז מען קלינגט, איז אַ חאַגע"...

אַלע האָבן זיך נאָך מער צענויפגעדרענגט, האָבן אָוועקגעשאַרצט די טליתים פון די אויערן, אַז זיי זאָלן בעסער קענען הערן. און ענגעלמאַן האָט דערציילט:

„מיינער אַ פראַנצויזישער „רעפּרעזענטאַן", ער איז מכלומרשט נישט קיין אַנטיסעמיט — האָט ער צוגעגעבן — האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געהערט פון איינעם אַ „פּאַטראָן", איך קען אים אַפילו אויך, נאָר כ'קען נישט אָנרופן זיין נאָמען — האָט ער ווייטער צוגעגעבן — און יענער ווידער, ווייס עס פון איינעם אַ „מעמבער" פון סינדיקאַט פון די פראַנצויזישע בעלי־בתים־קאָנפעקציאָנערן — אַ גאַנצער „יאַ־טעבע־דאַם", אַז אַ דעלעגאַציע פון זייער סינדיקאַט, איז אַוועק צום קאָמענדאַנט, און האָבן אים געבעטן, אַ סוף צו מאַכן, מכלומרשט צו דער יידישער קאָנקורענץ אין זייער בראַנזשע; און אַז דער קאָמענדאַנט זאָל זיי האָבן צוגעזאָגט, אַז ער וועט אינגיכן אַריינזעצן „אַרישע־קאָמיסאַרן" אין אַלע יידישע געשעפטן"...

„אוי, רבונו של עולם! — האָט איין ייד אַ קרעכץ געטאָן — העלף אונדז! מיר זענען געבעך אין אַ מיאוסער עת־צרה!"...

„נו?, ווי די „פראַנצעקעס" מיען זיך פאַר אונדז?" — האָט דער „בעל־שם" געפרעגט דעם גאַנצן עולם, ווי ער וואָלט געוואָלט באַרעכטיקן זיין מיינונג וועגן די פראַנצויזן אַלס אַנטיסעמיטן...

„די היימישע רשעים, זענען נאָך ערגער פאַר די פרעמדע" — האָט איינער פון רעדל אים באַשטעטיקט...

„היט מיך גאָטעניו פאַר מיינע גוטע פריינט, — האָט עמעצער אַ זאָג געטאָן — פאַר מיינע שונאים וועל איך זיך אַליין היטן"...

פון רגע צו רגע, איז דאָס רעדל, אַרום דעם „בעל־שם" און אַרום ענגעלמאַנען, געוואַקסן, גרעסער געוואָרן, און איז געוואָרן אַ קיילעכדיקער ראָד מיט טליתים, ביז נאָענט צו דער טיר... בלויז דער בעל־תפילה — דער ליטוואַק פון פּלאַס־מען־זשערוועי, וואָס פאַרקויפט דאָרט אין זיין געוועלבל, אַרבעטס־טישן און פרעס־קלעצלעך צו שניידערשע וואַרשטאַטן — איז געבליבן שטיין אויף זיין פּאָסטן ביים עמוד... אָבער אויך ער האָט דערפילט, אַז ער האָט כמעט שוין מער קיינעם נישט הינטער זיך, אַז ער איז געבליבן ווי אַ גענעראַל אָן אַן אַרמיי... האָט ער איבערגעדרייט דעם קאָפּ, וואָס איז געווען פאַרהילט אין אַ פאַרגעלטן, וואָלענעם טלית מיט אַן אויסגעדריוולטער, זילבערנער עטרה, פון וועלכן מען האָט כמעט מער נישט אַרויסגעזען ווי דאָס רויטע,

שטיפע, קאַזע־בערדל זיינס, און האָט, מיט אַ פּאָר בעטנדיקע אויגן און מיט אַ מוסרדיקן טאָן, אַ געשריי געטאָן, פאַרבייטנדיק דעם „ש" אויף אַ „ס":
„שומר ה' את כל אהביו ואת כל הרשעים ישמיר!"..
און דער שמש אויפן בעלעמער, האָט מיט אַ געבייזער אַ קלאַפּ געטאָן אין שולחן אריין: „נו, אַ, מען דאַוונט דאָך!!!"...
און דאָס רעדל טליתים האָט זיך, מיט אַ זיפצן און מיט אַ קרעכצן, פונאַנדערגעלאָזן; איטלעכער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין זיין ווינקעלע, זיך איינגעהילט אין זיין טלית, און געבעטן דעם רבש"ע אויף עפּעס אַן אומגע־ריכטער הילף...

# א. נ. שטענצל

## אַ כותל מערבי באַלאַדע

(מיין ברודערס־זון הרב יונה שטענצל אין תל אביב אַ כתיבה וחתימה טובה)

לידיק זיינען די גאַסן פון ירושלים.
אַז ווער עס באַווייזט זיך ווערט תיכּף דערשאָסן,
טאָ ווי אַזוי זיך איינוויינען, דאָס האַרץ עפענען,
ביי דער כותל־מערבי אין די חצותן.

בייטאָג קומט נאָך אַ מרה־שחורהדיקע די זון
און ליינט איר הייסן קאָפּ אויף אַ שטיין אַ קאַלטן,
פאַרשווינדן און שטיל גייט זי אַ טרויעריקע וויטער — —
די זון אין העלן טאָג ווער קאָן דען פאַרהאַלטן!

אָבער אין לבנה'לאָזע נעכט, חושכדיקע,
פאַר אויפגאַנג נאָך, פאַר שאַריען, צו ותיקין?
אַ טרויעריקע שטייט די וואַנט, אַ שטיין אויף אַ שטיין,
דאָס האַרץ פון ירושלים צו דערדריקן.

פון די שווערע טריט פון האַלב שכורע פּאַטרולן,
ווי לידיקע וויין־פעסער הילכן די גאַסן!
קליינע קינדער וויינען פון שווערע חלומות אויף,
ווי אויפגעשריגענע אינמיטן פאַרגאַזן — — —

לידיק זיינען די גאַסן פון ירושלים,
אַז ווער עס באַווייזט זיך ווערט תיכּף דערשאָסן,
אָבער איבער דער כותל מערבי געבויגן,
ציטערט עמעצער ווער פון טרערן צעפלאָסן —



די לאַנגע זשיביצע שוואַרץ ביז איבער די קנעכל,
ווי אַ ירושלים נאַכט, צעגלאַנצט און זייערן;
אין דער באָרד און פּאות די צעפונקלע אויגן,
פון שטערן אין הימל נישט אונטערצושיידן.

פינצטער שוואַרץ זיינען די נעכט פון ירושלים,
חושכדיקער דער איבער דער וואַנט געבויגן!
עס לעשן זיך די לעצטע שטערן אין הימל,
פון די טרערן וואָס רינען פון זיינע אויגן:

„נאָט, ס'איז דיין האַרץ, כביכול, אַ שטיין פונם כותל,
נישט גערירט פון רחמנות, צי פון גרימצאָרן,
אַן אָפּבילד פון דיין בילד, אַן עמוד־העגן־זייל,
איז דאָך דיין פאָלק, דיין אויסדערוויילטס שוין געוואָרן.

„נאָט, דו ווייסט דאָך אונז נישט צעבלאָזן ווי רייך אין ווינט,
וואָס ווערט אין גאָרנישט צעפלאַשעט און צעפליגן,
ס'מוז דאָך אַזאַ רויך־זייל פון מיליאָנען פאַרקוילטע,
אין טרער כאָטש אַרויסבייסן פון דיינע אויגן.

„אָ, אַז דאָס אָפּבילד פון דיר מיר זיינען געוואָרן,
קאָן דאָך קיין מענטשלעכער האַנט אונז נישט צעשטערן!
און אַז אַן איינאייציקער טראָפּן לעבערט דעם שטיין,
ערשט אַ טרער כביכול, פון דיינע טרערן— — — — — —"
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'פלאַשן די באָרד־לאָקן, די פּאות, די ברעמען,
אויף דער כותל בלייבן איבער אויגן־לעבער — —
ווי אַ וואָלקן, אַ נעפּל, ווי קרעמאַטאָריום־רויך
שוועבט ער איבער די ירושלים־דעכער.

פון וואו ר'איז געקומען, וואוהין ר'איז געגאַנגען?
מיט די טרערן פון די אויגן ר'איז צערינען!
נאָך הערן די פּאַטרולן זיינע לעצטע שלאָכצן,
זיי זוכן אים און קאָנען אים נישט געפינען — —

„מי זאת עולה מן המדבר כתמרות עשן?!"
קוקט די כותל אים נאָך מיט לידיקע לעבער,
און דער וואָלקן, דער נעפּל, דער קרעמאַטאָריום־רויך
הויבט זיך צום הימל אַלץ העכער און העכער.

## דאס מאטראסן-ליד פון „יגור“

איבער די ימים הערשן די בריטן,
צו אונז אבער די הימלען געהערן!
מיר דערשווימען צו ברעגעס, צו וויטסטע,
אויף ימים פון פארגאסענע טרערן.

מיטן בלוט פון קינדער געקוילעטע,
מיט שיינען פון שייטער־אויוון פלאמען,
ווימען די האריזאנטן זיך רויטע,
וואו הימל און ים קומען צוזאמען.

„מקולות מים רבים אדירים“ — —
נישט שיף־רעדער מיט צישען און שוימען״
איבער ימים פארגאסענע טרערן,
פונקן־צעשפריצטער קרעמאטאר־קוימען:

שווארצע רויך־קנוילן ווינדיק צעפלאשעט —
די ברייט־צעוויקלטע פלאטער־פענער;
יללה־געשרייען פון מיליאנען —
די נענעבענע סיגנאלן־טענער.

און אין שטורם־נעכט ווילדע צעברויזטע
רויטע לבנות זיינען קאמפאסן — —
הארא, האט ווער דען אונזער צער דערפאסט?
אוי אצינד אונזער פרייד דערפאסן!

ווי זיי כוואליען דאס אונזערע הערצער,
און ווי זידיק זיי קאכן און ברויזן:
מיר ציען פעטלעס פון תליות אראפ,
ווי זעגל־שטריק פון מאסטן — מאטראסן!

הא, הא, הא, הימלען שפרייטן זיך פרייע,
און אונזער פרייד וויל נאר נישט אויפהערן — —
דערשווימען מיר דען איצט אויף לעצטן ברעג,
פאר בריטישער קויל ציל־ברעט צו ווערן —

הא, הא, נישט פאר זעגלען, נישט פאר דאמפערס,
און נישט פאר קריגס־שיפן גאנצע פלאטן — —
נארער וועלט שוין צו דערטרינקען אצינד,
האבן ימים טרערן אויפגעזאטן.



## „בייבל“-פסוקים...

וואס ברויכט איר נאך איצט, מיט פארדרייטע מיילער,
קייען בא׳טעמ׳טע „בייבל“־ציטאטן?
מיט א קיי־טאבאק־שפרייע, פון א ווינקל ליפ,
ארבעטן פלינקער הענט פון פיראטן....

איין דריק ביים קנעפל, איר ווייסט דאך ביי וועלכן,
און גאנצע לענדער אויף שטויב צעפליגן!
אפשר פאר שיילאקן, א פסוקל זיינס,
קאן עס נאך אים צו עפעס וואס טויגן.

ביים שארפן א מעסער אויף זויל פון שטיוול
איז גוט א פסוק אונטערצוכרומען,
אפשר דערווייל, ביז וואס און ביזקעלע ווען,
וועט שטאט א מענטש — א שעפס אונטערקומען!

אבער אייך מיט באמבעלע אויטאמאטיש,
וואס טויגן נאך די ביבלישע פראזן?
פון איין קוועטש ביים קנעפל הונדערט מיליאנען,
נישט זעקס — מיט קרעמירן און פארגאזן — — —

און נישט יענע, מיט די ווידוי־געשרייען,
א מענטש צו פארמוטשן און צעמישן...
דעם גאנצן אריענט, פון כוש ביז קאלקוטא,
אין „איין שמע ישראל“ שוין אפצווישן!

יא מיט פרעמדע לאנד־קנעכט־הענט איז גוט געווען,
אינם קרעמאטאריום אש צו שארן,
אבער יעצט מיט באמבעלע אויטאמאטיש,
אליין צו ווערן איבער־מענטש־הארן.

ס׳קאן א פסוק נאר, א פארדרייטער אין מויל,
ארוים מיט א שפריץ, מיט א ירגזון,
און געגזפיסלדיק שטיינבלייבן וועט וועלט,
שטאט אטאמיש צו ווערן צעבלאזן — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די ביבלישע פסוקים לאזט זיי אונז איבער,
א, מיר קאנען זיי נאך גוט געברויכן!
ווארים ביז וואס ווען, מ׳קאן נאך ווידער אמאל,
אויפניין דערווייל אין קרעמיריום־רויכן.

י. ביעטש

## חתונה געהאַט

(דערציילונג)

נאָכדעם, וואָס הערי גליקסמאַן האָט פאַר זיינע פריינט תמיד זיך געשוואוירן, אַז ער וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבן; באַווייזנדיק מיט די שאַרפסטע אַרגומענטן דעם טעות פון פאַרהייראַטן לעבן, וואו פאַלשקייט, באַטרוג איז כמעט אַ טעגליכע דערשיינונג, אַ נייטווענדיקייט סיי פאַרן מאַן סיי פאַר די פרוי, האָט ער פלוצים אַ ברייטן שמייכל געטון: דערמאָנענדיק זיך אין עטלעכע פיקאַנטע פרויען, אויף וועמענס פנימער פלעגט זיך באַווייזן עקשנותדיקער פאַרלאַנג, אַרויסצורייסן פונם לעבן מער ווי עס קען געבן; אַז זיי זיינען געווען דאַנקבאַר פאַר יעדן קורצן גליק, וואָס ער האָט זיי פאַרשאַפט... יאָ, דער איינציקער געדאַנק פון אַ פרוי איז צו געפעלן, און יעדע באַקאַנשאַפט איז לייכט. דערנאָך, שפּעטער, ווי שווער אַלץ ווערט. וואָס פאַר אַ נאַרישקייט! און דאָך האָט ער חתונה געהאַט. אמת מיט אַ שיין מיידל אָבער אָן איבריקע מעלות. אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך.

זייענדיק אויף אַ קורצער האָלידעי אין ברייטן, — דאָס איז געווען איינמאָל זומער צייט. אין אויגוסט ניינצן הונדערט עלף, וואו דער עולם איז שטאַרק פאַרנומען מיט הלכות הגוף, און זיך לאָזן וואוילגיין, איז אין באָרדינג הויז, וואו הערי גליקסמאַן איז איינגעשטאַנען איינמאָל אין אַ מיטאָג שעה געווען שטאַרק פריילעך, אַרום די טישלעך; מען האָט געלאַכט און געגעסן, און הויך גערעדט וועגן וועטער, פון פערד, הינט, קאָרטן, אָבער אַמיינסטן וועגן פרויען; פון וועלכע הערי האָט זיך שאַרף אויסגעדריקט. אַז זיין דערפאַרונג. וואָס ער האָט געהאַט מיט פרויען, האָט אים באַוויזן, אַז דאָס איינציקע שטרעבן פון אַ פרוי איז לוקסוס און ליבע. קריגט זי דאָס, איז אויס מיט אַלע פליכטן און אידעאַלן....

אין אַלגעמיין, האָט הערי געהאַט אַ שלעכטע מיינונג וועגן פרויען, זיי אָנגערופן מיט מיאוסע נעמען ווי „גאָלד־דיגערס", זוכער פון אויסערגעוויינליכע באַקוועמלעכקייטן, און מיט זייער ווייבלעכן רייץ, מאַכן דעם שטאַרקסטן מאַן פאַר אַ שקלאַף. אָבער טראָץ דעם האָט הערי אָן געזעלשאַפט פון פרויען נישט געקענט אויסקומען קיין איין טאָג. ער האָט זיך געחידושט, וואָס ביי יעדעס מאָל זיך טרעפן מיט אַ נייע מיידל, פלעגן אַט די אַלע רייד אים אין גאַנצן פון קאָפּ זיך אַרויסגליטשן. ניין! האָט ער כמעט ווי אויסגעשריגן, ער איז נישט אַזאַ נאַר אַרויפצוציען אויף זיך די קייטן פון אַ פאַמיליע לעבן...

אַרום די טישלעך איז פּאַרא מינוט געוואָרן שטיל. עפּעס איז דאָס עסן געבליבן שטעקן אין האַלז. די פריילעכקייט איז ווי דורך אַ כישוף מיט אַמאָל פאַרשוואונדן. עס האָט אויסגעזען גלייך ווי אַלע וואָלטן אויף הייסע קוילן געזעסן.



פּיוול, אַ מיטלאַריק, נידעריק יידל, מיט אַ פּנים, וואָס האָט תמיד אויסגעזען פינסטער, און אַ שווער בייכל, וועלכעס לאָזט זיך אָנזען פאָראויס, בשעת ער גייט, האָט אַ מאַך געטון מיט זיין קליין פוכיק הענטל אין דער לופט: עט... וועלכעס האָט געמיינט, אַז ער איז מיט אים יאָ מסכים און נישט מסכים. חתונה האָבן, האָט פּיוול געזאָגט, איז אַזוי ווי צוויי קלינגלעך פון אַ שערל. קוים זיינען זיי באַזונדער, האָט קיינער פון דעם קיין נוצן נישט. ווי גוט און פיין דאָס שטאָל זאָל נישט זיין. אָבער, פאַראייניקט, דורך דעם צענטראַלן שרייפל, ווערט פון דעם אַ גאַנצעס, אַ זאַך וואָס ברענגט נוצן. אַזוי איז אויך מיט חתונה האָבן, עס איז דער צענטראַלער פונקט, וואָס פאַרמירט און וועבט דעם שטאָף פון לעבן צו פאָלקאָמהייט. ער האָט מיט זיינע קליינע וואַסערדיקע אויגן מיט חוזק אים אָנגעקוקט, ווי איינער זאָגט, מיר האָבן שוין געזען אַ סך אַזעלכע העלדן... די יונגערע באַווייבטע מענער האָבן הערי׳ן מקנא געווען און די קלינערע האָבן זיך צוגעהערט מיט אינטערעס.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער. די זון האָט פינקלדיק געטאַנצט איבער אַ שטיק ים, און געבלענד מיט אַ זילבער העלע ליכטיקייט. אַלץ איז פון די היץ געווען איינגעוויגט אין אַ מידן זיסן דרימל; איז דער לעבן־שפּראָצנדיקער הערי גליקסמאַן, — אַ הויכער מיט ברייטע פּלייצעס. ווי ביי אַן עכטן ענגלישן אַטלעט, מיט קלאָרע בלויע אויגן, אַן אינטעליגענט ווייס פּנים, וואָס ס'איז פון דער זון געווען ברוין, — אַ זאָרגלאָזער געלעגן אויפן זאַמד ביים ברעג ים, זינגענדיק פויל עפּעס אַ ניגון. און כסדר געוואָרפן בליקן אויף די מענטשן, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען פונם ים נאָכן באָדן זיך און ספּעציעל אויף דעם ווייבלעכן עלעמענט. ווען זיין בליק איז פלוצים געפאַלן אויף אַ יונג מיידל, וואָס איז ערשט נאָר וואָס אַרויס פונם וואַסער, האָט הערי גלייך ביים ערשטן אויגן־בליק געביטן זיין מיינונג, וועגן ווייבלעכן מין. אַ פייכטע נאַסע קילקייט האָט פון איר רונדן און בוזאַמען קערפּער אויף אים אַ בלאָז געטון. בשעת איר פולע ברוסט האָט געאָטעמט מיט מעכטיקע פרישקייט. זי האָט אין די בלענדערע זון באַזונדערס אויסגעזען שיין און רייצנד... זיין בליק האָט זיך באַגעגנט מיט אירע טיפע שוואַרצע אויגן. זיך אָנגעקוקט, און אָן ווערטער זיך פאַרשטאַנען. דזשעני, אַזוי האָט די מיידל געהייסן, האָט זיך פאַרדרייט, צוהאַלטנדיק איר באָד־קאָסטיום ביי דער ברוסט איז זי מיט שנעלע טריט אַריין אינם טענט (ביידל).

דעם גאַנצן טאָג איז הערי גליקסמאַן אַרומגעגאַנגען ווי פאַרשיכורט. אַ נערוועזע אומגערולדיקייט האָט אויף זיין פּנים זיך געמערקט. עס האָט זיך אים געדאַכט אַז אָט אָט וועט געשען עפּעס וויכטיקעס און געוואַרט אויף דעם ווי אויף עפּעס אַ נס. ער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז אין אַזאַ שיינעם און לייכטן קערפּער, וועלכער שפּרייט פריילעכקייט און פרישקייט, מוז זיך לייכטן אַ שיינע טיפע נשמה... און אַנשטאָט קליינע, נידעריקע געדאַנקען, האָט ער דערפילט עפּעס קאָבעדיקס וועקט זיך אויף אין זיין האַרץ; עפּעס אַזוינס וואָס גלעט און מאַכט פאַרגעסן, פון דעם וואָס ער ווייס וועגן מענטשן און

לעבן; אזוינס וואָס ס'איז אים געווען גאַנץ ניי... די דאָזיקע געפילן און געדאַנקען האָבן אים נישט אָבגעלאָזט קיין איין מינוט. און ער האָט דערפילט אַ מאָדנע פארלוירנקייט, פאַר וועלכעס ער האָט זיך אזוי געשראָקן.

בשעת איינם טאָג האָט זיך גענומען פילן אַ לייכטע באַרירונג מיטן אָנקומענדיקן אָונט, און די שטאָט ברייטאָן האָט רחבותדיק גענאָסן די דערלייכטערונג פונם קילן פאַרנאַכטיקן ווינטל. האָט הערי פּלוצלונג באַגעגנט דזשעני. דאָס מיידל נאָך וועלכער ער האָט אזוי שטאַרק געבייַנקט. זי איז איצט געווען אָנגעטון אין איר נעט געפּאַסט שוואַרץ זיידן קלייד, מיט אַ פיין שנירל פּערל אויף איר ווייסן האַלז, וועלכעס האָט שטאַרקער אַרויסגעבראַכט אירע שיינע פרויען פאָרמען, צוגעצויגן און געריירט צוגלייך...

דער ים איז אין דעם פאַרנאַכטיקן בין־השמשות געווען באַלויכטן אויף אַ מערקווירדיקן אויפן, און אויסגעזען ווי פון טונקעלגעם בלויען קאָליר. די זון האָט זיך ביסלעכווייז אַרונטערגעלאָזט צו מערב, געפאַרבט דעם הימל טיף רויט, און פייערדיק געצונדן דעם האָריזאָנט, וואו הימל און וואַסער זייַנען איינס. הערי האָט כלומרשט באַמערקט, וואַנדערנדיק זיך צו איר: וואָס פאַרא פּראַכטפולער זונען אונטערגאַנג. עס זעט אויס, ווי די גאַנצע נאַטור אַרום וואָלט איצט שלאָפן געגאַנגען... עס האָט זיך צווישן זיי פאַרבונדן אַ לייכטער שמועס, אזוי ווי ביי פרייע צופרידענע מענטשן, וועמען עס איז אַלץ איינס, וועגן וואָס זיי זאָלן נישט ריידן. דאָס ערשטע מאָל, אין זיין הפקר לעבן, האָט הערי שטייענדיק ביי דער מיידל געפילט זיך אונדרייסט און אונענטשלאָסן. עס איז אים באַפאַלן אַ שרעק פאַר עפּעס, וועלכעס ער האָט נישט געפונען קיין אויסדרוק, אַ געדאַנק. וואָס ס'האָט זיך איינגעבויערט אין זיין מוח, און אים אויפגעפּאָדערט נאָכצוגעבן: חתונה האָבן? — יאָ! חתונה האָבן... די לעצטע ווערטער זייַנען געבליבן ווי עפּעס הייענגען אין דער לופטן נישט דערזאָגטע. ער האָט זי אויפמערקזאַם באַטראַכט, באַמערקט איר אָפּגענעם האַלז, די פּערפעקציע פון איר שיינעם קערפּערלעכן געבוי, און אירע טיפע שוואַרצע אויגן האָבן אים ווי באַרוישט. פּלוצים, ער ווייס נישט ווי אזוי, האָט ער דערפילט איר קערפּער געשלאָסן אין זיינע אָרעמס, און איר געשאָנקען דעם ערשטן קוש. דערביי שעפּטשנדיק: איך האָב דיך ליב, שטאַרק ליב...

דזשעני און הערי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרברענגען אַ ליכטיק פריילעך לעבן. יעדן מאָרגן שפּאַצירן, אָדער זיצן ביים ברעג ים, באַוואונדערן דאָס ריטמישע רוישן פון די כוואַליעס און געטראַכט, אַז פּונקט אַזעלכער איז דער ים געווען מיט טויזנטער און הונדערטער יאָרן צוריק. יאָר נאָך יאָר, טאָג נאָך טאָג, אוועקגיין, און קומען מיט שווערע ווייס־שוימיקע כוואַליעס; איינער איבערן אַנדערן מיט אַ רעש ווערן צוזעצט ביים ברעג; זיך צעגיסן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ ווייסע פלאַך ביים אָפּשוויכען.

גאַנצע שעה'ן פלעגן זיי אזוי אָבזיצן, יעדער פאַרטיפט אין זיינע רעיונות, וועגן דעם גרויסן און גליקלעכן טאָג. וואָס ס'דאַרף פאַר זיי קומען. און אַזעלכע



מינוטן פלעגט זיך צו הערים פרייליכע און לייכטע געדאַנקען זיך צומישן, אומאָנגענעמע און פינסטערע. ער האָט דערפילט, אַז עפּעס שווערעס רוקט זיך אויף אים אָן. פאַרפאַלן עס איז נישט דאָ קיין צוריק! איר יוגנטלעכער לעבנס לוסט, גוטסקייט און רייץ האָבן אויף אים אזוי געווירקט, אַז ער איז באמת געוואָרן אין איר פאַרליבט.

די „האָלידיי"־צייט איז אַוועק און דזשעני האָט אָנגעהויבן טראַכטן, וועגן דעם נייעם לעבן. אים געגעבן אַלעמאָל אָנצוהערן וועגן דעם. בעת שפּאַצירנדיק, יעדן אָונט איבער די לאָנדאָנער טראָטואַרן, פלעגט זי זיך אָפּשטעלן ביי פאַרשידענע מאַגאַזינען. אָבער אַמייִנסטנס ביי די מעבל געשעפטן. איר בליק איז געפאַלן אויף אַ שיין מעבלירט שלאָפצימער, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אין שוי פענסטער, און אַראַנזשירט נאָך די לעצטע מאָדע, מיט אַלע בעקוועמלעכקייטן. אַ גרויסאַרטיקע בעט, מיט ווייסע קישעלעך, ווי אַקראָט געוואונטשן פאַר אַ פּאָר־פאָלק. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, און זיך פאַרשטאַנען....

באַלד נאָך סוכות האָט דזשעני פאַרגעשטעלט הערין פאַר איר מוטער. איר געוויזן דעם „ענגיידזשמענט־רינג". און נאָך אַ לענגלעכן געשפּרעך, וועגן אַהיים און חתונה, האָט זי ווי ס'איז די טבע פון אַ מאַמע געזאָגט, אַז זי איז נאָך יונג און האָט נאָך צייט. אָבער ענדלעך איז באַשטימט געוואָרן די חתונה פאַרא וואָך נאָך „קריסטמעס".

נעבע, דזשנים מוטער, וועלכע איז געווען אַ פולע פרוי, פון אַ יאָר פערציק, מיט שוואַרצע האָר, וואָס זייַנען ביי די עקן שוין געווען גרוי, האָט אָפּגעזיפצט און צוגעשאָקלט מיט איר אביסל פאַרעלטערטן, אָבער נאָך שיינעם קאָפּ, אזוי ווי זי וואָלט זיך געוואָלט באַפרייען פון עפּעס וואָס מאַטערט, און לאָזט נישט רוען; ווייל זינט זי האָט זיך דערוואוסט, וועגן דעם נישט גליקלעכן לעבן פון די פאַמיליע גליקסמאַן, און ספּעציעל וועגן הערי, וואָס פּערד הינט, קאָרטן איז זיין לעבנס שטייגער. אַמייִנסטנס האָט איר פאַרדראָסן דאָס, וואָס הערי האַלט בסוד פאַר דזשעני, וועגן זיין פאָטער, דעם אַלטן גליקסמאַן, וועלכער האָט איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט קינדער, און איז אַוועק מיט עפּעס אַ נישט יידישע פרוי, וואָס פלעגט אזוי ווי ער תמיד זיין פאַרנומען מיט די „רייסעס". זי האָט שטיל ווי צו זיך אַליין געזאָגט: דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פונם בוימעלע... יאָ, אזוי, ווי איינער צו זיבן אזוי צו זיבציק! הלוואַי זאָל זיך אויסלאָזן צום גוטן.. דאָס קלאַפּן פונם גראָבן רעגן אין די שויבן פון איר קליין געוועלב, און דאָס קנאַקן פונם פייער אינם שטיבל האָבן זיך אַקאָמפּאַנירט, אזוי ווי אַ טרויעריקע סימפאָניע וואָלט זיך צוזאַמענגענאָסן מיט אירע פינסטערע מחשבות, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין איר מוח: איר איינציקע טאָכטער, די אַכצן יאָריקע דזשעני מאַכט אַ טעות אויף איר גאַנצן לעבן. אַ סימן זיין קליידונג, די געקעסטעלטע הויזן, מיט די קעפּקע אויפן קאָפּ. וואָס איז תמיד פאַרוקט אין אַ זייט, האָט אויף איר אַ שלעכטן איינדרוק געמאַכט.

נעבע אין געזעסן אינם ווינ־שטיל. דעם קאפ פארבויגן אז א זייט. און געווינט זיך צום טאקט פון אירע טרויעריקע געדאנקען. אין איר רמיון איז אין דער רגע א דורך איר גאנצעס לעבן, ספּעציעל זינט זי איז געקומען קיין לאנדאן. די שווערע און ביטערע צייט פון איר מאנס קראנקייט און נאכדעם ווען ער איז געשטארבן: אוי! זיינען דאס געווען שווערע ביטערע צייטן... ווען נישט דאס געוועלבל, וואס זי האט איבערגענומען פון א פריינדין אין קליוולאנד סטריט, ווער ווייס וואס ס'וואלט פון איר מיט די צוויי קינדער געווארן. אמת דער זון אירער איז איצט אין אויסטראליע, א צושניידער ביי מענער ארבעט. און שיקט איר פון צייט צו צייט א פאר פונט, אבער אמיינסטן פאטאגראפיעס. און לעצטנס שרייבט ער אז ר'האט זיך באקאנט מיט א מיידל און דענקט דארטן צו פארבלייבן. וואלט באטש איר מאן איצט געלעבט.

די חתונה פון רזשעני מיט הערי גליקסמאן האט זיך אויסגעלאזט אין א ביטערע איראנישע טראגעדיע. צובראכן איר הארץ און רואינירט דאס לעבן אירס. אמת אז מאר א פאר יאר האבן זיי געלעבט גליקלעך. אזוי ווייט ווי פארהייראט לעבן קען גיין. ער האט זיך געפרופט אליין איינרייד, אז ער מוז זיך צוגעוואוינען צו א נארמאלן פאמיליען לעבן. אבער דער געראנגל פון זיין הפקר נאטור, וואס ס'האט אין אים געבריוזט, אז דער עיקר איז דאס לעבן און די פליכט צו ווייב און קינד, האבן אים אריינגעבראכט אין א מרה־שחורהדיקע שטימונג. א קאלטער שוידער איז דורך זיין לייב, טראכטנדיק וועגן זיין איצטיקע פארהעלטעניש מיט פרידא, רזשענים איינציקע פריינדין, וואס פלעגט צו זיי אפט אריינקומען און לעצטנס — צוליב זייערע שווערע אומשטענדן, זיך אריינגעצויגן אינם אלקערל, וואס זיי האבן זייער ווייניק באנוצט. א פארבמורעטער פלעגט ער אינם שטוב ארומגיין. זיינע אויגן תמיד געווענד צום אלקערל, זיינע געדאנקען זיינען אין גאנצן געווען מיט איר, די בלאנדע פרידא. זיינע אויגן אנגעשפיצט פאר יעדן שארך פון איר קלייד, יעדער סקריפ פון א ביינקל האט אים ווי בארוישט...

א באהאלטענעם פארלאנג, וואס ס'איז איבערגעגאנגען אין א תאוהדיקן באגער, האט אים טעגטיק געשלעפט. ער האט א פיר געטון מיט זיין האנט איבערן פנים. אזוי ווי צו פארטרייבן עפעס וואס זיצט אין אים. רייצט צו עפעס שלעכטס. ער האט דערפילט איר שווער אטעמען, די ווייכקייט פון איר קערפער... זי איז געווען אנטעכטיק מיט אירע צארטע הענט אים צו האלטן צוריק...

רזשענים מוטער איז פון די לעצטע געשעניש, אין פאמיליען־לעבן פון איר טאכטער, געווארן שטארק צוטרייסלט און פארעלטערט, אויף איר נאך נישט אלט צוקנייטשט פנים האט מען געקענט דערקענען, אז דאס לעבן ליגט אויף איר ווי א לאסט. פון שטארקן נעמען זיך צום הארצן, איז זי נאך א לענגערער קראנקייט געשטארבן.

פאר רזשענין האט זיך אנגעהויבן א פינסטער טרויעריק לעבן. טעג און וואכן פלעגט הערי ערגעץ פארפאלן ווערן. און ווען דער געוויסן האט אים



געמאטערט, פלעגט ער קומען, אבער באלד ווידער פארפאלן ווערן. עלענט און פארלאזט, איז זי געווען געצוואונגען זיך איבערציען אינם געוועלבל. דארט וואו איר מוטער האט פארברענגט אירע יארן.

ווען יענע גרויסע וועלט מלחמה, 1914, האט אויסגעבראכן האט הערי דערפילט א דערלייכטערונג. ער האט זיך אנגעשלאסן אין דער ארמיי. זי וואלט אים אלץ מוחל געווען, האט זי פארביטערט געטראכט, שטייענדיק איצט ביים ים, פון וואו די שיף דארף אפגיין. זי איז דאך געווען מיט אים זיך געזעגענען.. דער פארנאכט איז געווען א פאנטאסטישער. פונקט אזא פארנאכט ווי יענער, ווען זי האט זיך דאס ערשטע מאל באגעגנט מיט הערי ביים ים. און ווען הערי האט זי געזען ביים שיף, האט ער א קלער געטון: זי ליבט אים נאך אלץ... עס האט זיך אין אים דערוועקט א געפיל פון רחמנות צו איר. און צום ערשטן מאל געטראכט, ווי פיל זי האט זיך געמאטערט, און פיינלעך געליטן דורך אים. ער האט זיך געפילט שולדיק און שטארק גערירט דערפון. ער האט איר געוואלט עפעס זאגן און נישט געוואוסט וואס.

רזשעני איז איצט געווען עלענד און צעבראכן און געטראכט, אז אירע בעסטע יארן זיינען שוין אוועק, זיינען געבליבן פון הינטן. מיט די דאזיקע מחשבות איז זי געשטאנען ביז א שטיק אין דער נאכט אריין. די שיף האט זיך איבערן ים פלאך געגליטשט, איר ליכט האט זיך געלאשן און ווידער אויפגעטויכט. א טיפער צער און בענקעניש האט זיך אין איר נשמה באזעצט. זי האט זיך געזען אינם געוועלבל, דא אין דעם ענגן פינסטערן ווינקל ווערט זי פארברענגען אירע לעצטע טעג. קיין שום ענדערונג, נאר די זעלבע מאנאטאנע פראגן און בארערפעניש. עס האט זיך איר געדאכט, אז דא איז די וועלט פאר איר צו ענגע. יא, האט זיך פון איר הארץ א פארצווייפלטער זיפץ ארויסגעריסן: חתונה געהאט...

## יוסף הלל לעווי

## ב. באראכאוו דער נאוואטאר און רעפארמאטאר

1

דער יונג־פארשטארבענער נאוניטשער בער באראכאוו איז באמת געווען א קוריאזום. זיינע קולטורעלע לייסטונגען אויפן פאליטיש־סאציאלן געביט, און זיינע אויסערגעווענליכע פארשונגען אויפן פילאלאגישן געביט, האבן דעם יידיש־נאציאנאלן געדאנק און די יידישע שפראך ניט נאר באר־ייכערט און געשטארקט, נאר פשוט געגרונטפעסטיקט.

זיין גרויס וויסן איז תמיד פארבונדן געווען מיט זיין טיפער דערקענטעניש, און זיין דערקענטעניש באלייכטן מיט דעם שיין פון ראציאנאליזם. ער איז געווען דער נאוואטאר פונעם נאציאנאל־יידישן געדאנק, און דער רעפארמאטאר פונעם יידישן סאציאליזם.

טעאָרעטיש באַוויזן און באַגרינדעט, די נייטווענדיקייט און אומפאַרמיידלעכקייט„ פונעם פועלי־ציוניסטישן געדאַנק, געשאַפן די סינטעזע — פון ציוניזם און סאָציאַליזם. מחמת ער האָט דערקענט אַז דער סאָציאַליזם אַליין קען די יידיש־פּראָדוקטיווע מאַסן ניט די געווינטשטע פרייהייט און דערלייזונג ברענגען, ווייל דאָס יידישע פאָלק לעבט אונטער ספּעציפישע סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען.

דערפאַר מוז דער סאָציאַליזם דעם ציוניזם אַקייגנקומען, — און דער ציוניזם מיט דעם סאָציאַליזם זיך מתיחד זיין.

און בזה האופן האָט ער די יידיש־נאַציאָנאַלע אידייע סאָציאַליזירט, און די סאָציאַלע אידייע נאַציאָנאַליזירט.

אָבער חס־ושלום ניט מאַכן דעם טעות און עס אַנאַלאָגיש מדמה זיין צום דייטשישן „נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם“ — מחמת ב. באָראָכאָוו האָט נאָך מיט אַ לאַנגער צייט צוריק איידער ס׳זענען געלייגט געוואָרן די זוימען צום נאַציזמוס, אָנגעשריבן אַ בראָשור: „דער נאַציאָנאַלער סאָציאַליזם“. דער נאָמען קלינגט היינט נאָר מאָרנע, אָבער דער תוכן פון דער דאָזיקער בראָשור, להבדיל בין טומאה לטהרה, האָט פאַר שטייט זיך מיט דעם פאַרהאַסטן נאַציזמוס לחלוטין ניט צוטאָן.

בער באָראָכאָוו איז געווען פון די ערשטע נאַציאָנאַלע יידן וועלכע האָבן דערקענט דעם טיפן שפּרודלדיקן קוואַל פונעם גלות־לעבן, און דערפאַר געשטרעבט צופאַרוואַרפן אַ בריק צווישן גלות און ציון.

זייענדיק אַ גרויסער ראַציאָנאַליסט האָט ער פאַרשטאַנען אַז דער יידישער פּראָלעטאַריער קאָן אויף דער ישועה ניט אַזוי לאַנג וואַרטן וואָס דער סאָציאַליזם זאָגט אים צו אויף לעתיד לבוא — ווי רעליגיע אַ פרומען יידן עולם הבא; נייערט ער מוז שוין יעצט אָנהויבן זיך צושאַפן זיין אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן לעבן אויף סאָציאַלע יסודות. און טאַקע דערפאַר האָט ער פאַר אַמגעאייגנטסטן געפינען ארץ ישראל. ווייל פּאַלעסטינע איז געווען די וויג פונעם סאָציאַליסטישן געדאַנק וועלכער איז צום ערשטן מאָל געפּריידיקט געוואָרן אין דער ביבל און פון די נביאים; דערפאַר וועט אויך פּאַלעסטינע אַמבעסטן ראוי זיין דעם סאָציאַליזם צו רעאַליזירן...

אויף אַ יובל־אָוונט פון דער פּועלי־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע שרייבט ב. באָראָכאָוו (אין אַן אַרטיקל זיינעם): „איבער די שוועריקייטן פון פּועלי ציוניזם“ האָט זיך אַן אַלטער טוער פון דער באַוועגונג, אַן איבערגעגעבענער אַרבעטער געקלאָגט: אוי, ווי שווער איז צו זיין אַ פּועלי־ציון! שוין גרינגער צו זיין אַן ס.ס. אַ סאָציאַליסטישער טעריטאָריאַליסט, נאָך גרינגער אַ בונדאָוויעץ, אַ זש.פּ.־סאָוויעץ. דאָס איז אַזוי גרינג, דאָ דאַרף מען ניט טראַכטן, דאָ פאַרשפּאָרט מען צו לערנען זיך, אָבער אַ פּועלי־ציון? אוי ווי שווער און אחריותדיק דאָס איז!

„דער סאָציאַליזם“, שרייבט בער באָראָכאָוו ווייטער, „גייט אַריין אַלס אַ טייל אין דעם גאַנצן סכום פון דעם פּועלי־ציוניסטישן פּראָגראַם, וועלכער באַשטייט אייגנטלעך פון צוויי חלקים: סאָציאַליזם און ציוניזם. דעריבער



איז קלאָר, אַז אַלע שוועריקייטן פון דער סאָציאַליסטישער אידייע גייען אַריין אין גאַנצן אין דעם פּועלי־ציוניזם און דערצו קומען נאָך דאָרט אַריין די שוועריקייטן פון דער ציוניסטישער אידייע, דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם פאַרלאַנגט פון אונדז, אַז אַלע אונדזערע אידעאַלן און פאָדערונגען, זאָלן אויפגעבויט ווערן אויף די אָביעקטיווע טענדענצן פון דער ווירקלעכקייט, ד.ה. עס איז ניט גענוג, עפּעס צו וועלן, צו עפּעס שטרעבן, ניט גענוג אַז די יחידים אָדער אפילו די מאַסן זאָלן פילן אַ באַדערפעניש אין עפּעס, נאָר ס׳איז נייטיק אַז די באַדערפענישן און וואונטשן וואָס גייען אַריין אין פּאַרטיי פּראָגראַם זאָלן זיין בהסכם מיט דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט.

„אָט אָ. יענע אָביעקטיווע טענדענצן, אויף וועלכע עס ווערט געבויט אַ געשיכטלעכער אידעאַל, — רופן זיך אָן „די היסטאָרישע נייטווענדיקייטן פון דעם אידעאַל“. אין דעם זינען פאַרלאַנגט פון אונדז דער ווירטשאַפטלעכער קוק, אַז ביי דער אויפלעבונג פון די יידישע מאַסן אין גלות, ביי זייער נייעם לעבן אין פּאַלעסטינע זאָלן זיין היסטאָרישע נייטווענדיקייטן, ד.ה. אַז זיי זאָלן אַנטשפּרעכן ניט נאָר אונדזערע וואונטשן, נייערט אויך די פאַקטן פון דעם יידישן לעבן.“

און בער באָראָכאָוו פאַרענדיקט: אַז באַווייזן די היסטאָרישע נייטווענדיקייט פונעם פּועלי־ציוניזם וועלן ניט קענען אפילו טויזנטער ביכער, גלייך ווי טויזנטער ביכער קענען עס ניט טאָן בנוגע דעם סאָציאַליזם. די פּועלי־ציוניסטישע ליטעראַטור קען אונדזער פּראָגראַם ניט מער ווי אילוסטרירן, גענויער דערקלערן און צוגעבן צו אים פאַרשיידענע פּירושים.“

הכלל די היסטאָרישע נייטווענדיקייט באַשטייט ניט אין טעאָרעטישע באַווייזן פון די אָביעקטיווע טענדענצן, נאָר אין די פאַקטן פון לעבן גופא.

ב. באָראָכאָוו האָט אַזוי בולט און קלאָר, אַנאַליזירט די פּועלי־ציוניסטישע טעאָריע, אַז יעדער פּשוטער אַרבעטער נאָר מיט אַ ביסל פאַרשטאַנד אָנווענדונג האָט זי געקענט תופס זיין.

און דער זעלביקער נאָוואַטאָר און רעפאָרמאַטאָר וואָס ב. באָראָכאָוו איז געווען פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אידייע, — איז ער אויך געווען פאַר דער יידישער פילאָלאָגיע, לינגוויסטיק און אָרטאָגראַפיע.

## 2

דער גאונישער ב. באָראָכאָוו — דאָס וואָרט גאון ווערט דאָ ניט באַנוצט מחמת דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז אַ סימפּאַטיקער פון די לינקע פּועלי־ציון — נאָר ווייל זיינע אַנטדעקונגען און פאָרשונגען האָבן באמת אויף גאונות באַזירט. דער דאָזיקער גייסטיקער ריז וואָס האָט דעם פּועלי־ציוניזם באַגרינדעט, פאַרטיפט און פאַרברייטערט; דער זעלביקער איז אויך ווי שוין פריער באַמערקט: געווען דער נאָוואַטאָר פון דער יידישער פילאָלאָגיע, לינגוויסטיק און אָרטאָגראַפיע.

ער האָט לינגוויסטיש באַוויזן, דאָס מיינט — אַלגעמיין שפּראַכוויסנשאַפטלעך, אַז יידיש איז אויך פּונקט אַזאַ שפּראַך כדין און כדת. בכל

פרטיה ודקדוקיה, ווי אלע אנדערע שפּראַכן. שטיצנדיק זיך אויף אַן אומגעהייערן קוואַל פון וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און אַנאַלאָגיש־פילאָלאָגישע אָנטדעקונגען.

ער איז געווען דער ערשטער וואָס איז געקומען מיט אַזאַ גרינטלעך וויסנשאַפטלעכע פּרעציזקייט אויף דעם געביט.

ב. באָראָכאָוו האָט באַוויזן אַז די יידישע שפּראַך האָט אויך אַ נאַציאָנאַלן ווערט פאַר דער צוקונפט. ווער ס'גלייבט ניט אינעם קיום פון דער יידישער שפּראַך זאָגט בער באָראָכאָוו קאָן אפשר נאָך זיין אַ יידישער לינגוויסט, אָבער ניט קיין יידישער פילאָלאָג...

לינגוויסטיק האָט צו טאָן מיט די פאָרמען פון דער שפּראַך, און פילאָלאָגיע מיט אירע קולטור־פּראָדוקטן.

פריער דאַרף מען דעם פאָלק אויסלערנען שרייבן ריכטיק, זאָגט ב. באָראָכאָוו ווייטער דערנאָך ערשט וועט ער זיך אויסלערנען ווי צו שרייבן שיין.

ביי אונדז האָט זיך אָנגעהויבן דער רענעסאַנס מיטן קולט פון שיינקייט, און יעדער עם הארץ איז דערפאַר געוואָרן אַ דיכטער...

איצט אָבער הייבט דאָס אָן צו ווערן נמאס, מען הויבט אָן צו פאַרשטיין, אַז ראשית חכמה איז לערנען, נאַציאָנאַל לערנען, דאָס הייסט פריער ווי אַלץ: אַנטוויקלען די יידישע פילאָלאָגיע און ניט נאָר אַנטוויקלען זי, נאָר גרינדלעך רעפאָרמירן זי.

און ב. באָראָכאָוו האָט טאַקע דערפאַר געלערנט מיט זיין פאָלק ריכטיק שרייבן און רעפאָרמירט זיין אָרטאָגראַפיע.

דער גאַנצער מאָדערנער אַנגענומענער אויסלייג איז אַ באָראָכאָוויסטישער, דאָס אַליין וואָלט דאָך שוין אָן אַ ספק ניט קיין קליינער אויפטו געווען; איז אָבער ב. באָראָכאָוו ביים אויסלייג ניט שטיין געבליבן נאָר אוועקגעגאַנגען אַסך ווייטער און באַוויזן אַז יידיש איז: ראשית־כל ניט קיין מיש־מאַש שפּראַך נאָר אַ געמישטע שפּראַך פון דריי עלעמענטן: גערמאַניש, העברעאיש־אַרמעאיש און סלאַוויש.

און דער עיקר האָט ער באַוויזן אַז יידיש שטאַמט ניט פון דייטשן, נאָר פונקט אַזוי ווי די דייטשע שפּראַך — פונעם „מיטלהויכדייטשן"... אַלע דייטשע, העברעאישע און סלאַווישע עלעמענטן, באַלד ווי זיי זענען אַריין אין דער פאָלקסשפּראַך הערן אויף צו זיין דייטש, העברעאיש, סלאַוויש — זיי ווערן אָן זייער פריערדיקן פּרצוף און נעמען אָן אַ נייעם: — ווערן יידיש...

ווייל דער גרעסטער טייל פון די ווערטער און פאָרמען, וואָס ווערן גע־ברויכט אין יידיש ווענען דייטשע; דערפאַר זאָגט טאַקע ביי אונדז יעדער גימנאַזיסט אַז „יידיש איז פאַרדאָרבן דייטש". נאָר ווער ס'זאָגט אַזוי ווייס נעבעך ניט וואָס דייטש איז. אמת איז אַז יידיש האָט זיך טאַקע גענומען פון דייטש, אָבער דווקא ניט פון יענעם דייטש, וואָס מען שטודירט צו די עגזאַמענס אויף „אַטעסטאַט, זרילאַטסטי."



דער ראַזיקער דייטש פון שילער און געטע איז ניט דער שטיפפאָטער פון יידיש, נאָר זיין שטיפברודער, און דערצו נאָך אַ יינגערער ברודער.

יידיש איז עלטער פאַר יענעם דייטש, וועלכן אונדזער אינטעליגענט האַלט פאַר כשר: און טאַקע מיט דריי — אָדער פינף הונדערט יאָר עלטער.

ביידע שטאַמען זיי פון מיטל־הויכדייטש, ביידע זענען זיי פאַרדאָרבן: יידיש איז פאַרדאָרבן דורכן העברעאישן און סלאַווישן איינפלוס, מאָדערן דייטש — דורך לאַטייניש און פראַנצויזישן איינפלוס. יידיש איז פאַרדאָרבן געוואָרן אויפן מאַרק און אין דער ישיבה, דייטש — אין אוניווערזיטעט און אין די ביוראָקראַטישע קאַנצילאַריעס.

די אויפגאַבע פון יידישן פילאָלאָג איז יידיש — צו נאַציאָנאַליזירן און הומאַניזירן. און דאָס האָט בער באָראָכאָוו טאַקע געטאָן אין פולער מאָס. ער האָט יידיש געריייניקט און באַרייכערט, מיט זיין עמינענטן וויסן, — אויפגעוויזן אַז עס איז ראַוי אויסצודריקן אַלע דערשיינונגען פונעם יידישן שאַפן.

ער האָט די שפּראַך הומאַניזירט — דאָס הייסט געמאַכט פון איר אַ בליזיין אויף איינצונעמען און אַריינצונעמען אין רשות פונעם יידישן פאָלק אַלע קולטורווערטן פון דער מאָדערנער אַלמענטשלעכער אַנטוויקלונג; און דערפאַר האָט ער טאַקע מיט זיין גרויסן פילאָלאָגישן בקיאות פאַרהאַלטן אַז די יידישע שפּראַך זאָל ווערן אַ נאַציאָנאַלער קולטור־מיטל און בילדונגס־מיטל פאַרן פאָלק און פאַר דער אינטעליגענץ. בזה האופן האָט ער ליכטער געמאַכט און אויסגעטראָטן דעם וועג פאַרן עטימאָלאָגיסט פון דער יידישער גראַמאַטיק און סינטאַקסיס.

פאָראָרדנט מיט זיין טיף אַנאַליטישן גייסט אויסצונוצן אַלע שפּראַכלעכע כללים, פאָרמען און געזעצן.

אויך אָנגעוויזן דעם רוב שרייבער אין דער יידישער פילאָלאָגיע אַז זיי זענען נאָר אַסימילאַטאָרן, פרעמד דעם יידישן פאָלק. אין זייער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט שטעקט תמיד די כוונה צו באַווייזן, אַז יידיש איז נאָר אַ דייטשער דיאַלעקט *) און אַז יידן זענען די טרעגער פון דער דייטשער קולטור אין די סלאַווישע לענדער.

אונדזער שפּראַך האָט בער באָראָכאָוו פעסטגעשטעלט: איז כמעט שוין 800 יאָר אַלט, און די פילאָלאָגיע איבער 500 יאָר.

מיט איין וואָרט ב. באָראָכאָוו איז געווען און בלייבט אַן אויסערגעוויינלעכער פענאָמען, אַ ליכטיקע און גרויסע יידישע געשטאַלט, וועלכע דאַרף ערשט דערקענט און אָפּגעשאַצט צו ווערן.

---

*) היינט גייען עם הארצים און די שונא־ישראל נאָך ווייטער און זאָגן נאָר: „יידיש איז פאַרהאַסט ווייל ס'שטאַמט פון דייטשן"... על סמך זה וואָלט מען אויך געקענט זאָגן, אַז אַלע מענטשן זענען פאַרהאַסט; ווייל די מענטשן שטאַמען אויך פון דער זעלביקער אַנטראָפּאָלאָגישער סובסטאַנץ וואָס די דייטשן...

דער קורצער און עמינענט שאפערישער לעבן זיינער, האט ווייט אריבערגעשטיגן די צייט אין וועלכער ער האט געלעבט, דערפאר וועלן זיינע שאפונגען לעבן איבער דער צייט, — און דאס זיינען די בולטסטע באווייזן פאר זיין גאונות.

3

עס איז זיך ניט שווער משער צו זיין וואספארא געוואלטיקע ראלע באראכאווס לעקציעס, פארטראגן און זיינע ארטיקלען האבן געשפילט פאר גאליציען בעת ער האט דארט געווירקט, אינעם יאר — 1906-1907.

אויף דער 2־טער פועלי־ציוניסטישער וועלט־קאנפערענץ וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין קראקע, איז ער אן א ספק געווען דער עמוד האש וואס האט אלעם באשיינט און באלויכטן מיט זיינע טיפזיניקע און לאקאנישע באווייזן. אין די דיסקוסיעס, האט ער אלע פלפולים און סתירות מבואר געווען און זיי פאר יעדן קלאר און דייטלעך געמאכט. אים צו הערן ריידן איז באמת געווען א גרויסע אומפארגעסלעכע דערלעבעניש. אזוי הויך און גרויס ווי ער איז געווען אין גייסט — אזוי פשוט און עניוותדיק איז ער געווען אין שייכות צו יעדן חבר, פול מיט הארציקער ליבע און טיפן אינטערעס, להיפוך צו אלע פארטיי־פירערס וועלכע פארזען תמיד (נאר כלומרשט א דאנק דעם גרויסן רבים), דעם קליינעם יחיד....

זינט נאר דעם פועלי־ציוניסטישן געדאנק האט ב. באראכאוו געשטארקט און ליכטיק געמאכט צווישן די ברייטע יידישע ארבעטער מאסן, נייערט די גאנצע יידישע קולטור־באוועגונג, דאס גאנצע יידישע שאפן האט ער מיט זיין גרויסער פערזענלעכקייט דערהויבן.

דער שרייבער פון די שורות איז נאך דאמאלט א יונגטלעכער געווען, פארבונדן מיט דעם „יידישן ארבעטער און פראקטיקאנטן בילדונגס־פאריין יוגנט אין קראקע“. דערפאר אפט די מעגלעכקייט געהאט מיט באראכאוון זיך צענויפצוקומען און אים צו הערן רעדן.

עס איז זיך ניט לייכט פארצושטעלן מיט וויפל איבערגעגעבענער ליבע און פעדאגאגישן פארשטענדעניס דער גרויסער וויסנשאפטלער און טעארעטיקער האט זיך צו די יונגטלעכע ארבעטארער אפגעגעבן; — זיין פארהעלטניס צו זיי איז פשוט געווען ווי א טאטע צו קינדער; און זייער פארהעלטניס צו אים ווי קינדער צו א געטרייען און ליבפולן טאטן.

עס זאל דא א קליינער פאקט דערמאנט ווערן, כדי צו באווייזן ווי גרויס באראכאווס אינטערעס איז געווען צו יונג־גאליצישע טאלאנטן. בעת גאליציע איז נאך געווען ווייט צוריק אויף יעדן קולטורעלן געביט אין פארהעלטעניס צו די אנדערע רייישע ישובים, און דערפאר אויך גרינגגעשעצט געווארן פון זיי.

ווען עס איז דערשינען זלמן רייזענס ערשטער לעקסיקאן פון דער יידישער ליטעראטור זענען אין אים ניט דערמאנט געווארן מלך ראוויטש און



יוסף ה. לעווי, — וועלכע האבן זיך דאמאלט ביידע ערשט בסך הכל פאר א קורצער צייט געהאט אנגעהויבן צודרוקן און אייניקע לידער פובליקירט.

קיין מענטש האט זייער פארשווינן ניט באמערקט, אפילו ניט די יונגע ליכטער נופא. אבער איינער איז יא געווען וואס האט עס אדאנק זיין וואכזאמקייט באמערקט — און דער דאזיקער האט געהייסן בער באראכאוו. ער איז ארוים מיט א שארפער טארלונג אין ב. קלעצקינס ווילנער חודש־זשורנאל: „די יידישע וועלט“ און אויפמערקזאם געמאכט די ארויסגעבער און לייענער פונעם לעקסיקאן פון דער יידישער ליטעראטור די גלייכגילטיקע און גרינגשעצנדיקע באהאנדלונג פון יונג־גאליצישיע טאלאנטן.

און די פעולה איז געווען אז באלד האט עס זלמן רייזען מתקן געווען אין זיינעם א נייעם און פארבעסערטן לעקסיקאן וואס איז דאן קורץ דערנאך דערשינען.

טאקע נאר אזא אויפריכטיק גרויסער מענטש, האט געקענט אלע מענטשן אזוי אויפריכטיק ליב האבן — סיי גרויס, סיי קליין!

דערפאר האט די ליכטיקע געשטאלט אן אייביקן גלאנץ נאך זיך צוריקגעלאזן, וואס וועט בלייבן אומפארלעשלעך.

## פראפ. זרח גרינבערג

## שמועסנדיק מיט מאקסים גארקין *

מיט אלעקסיי מאקסימאוויטש גארקי האב איך זיך נעענטער באקענט און באפריינדעט אין יאר 1918. ער איז געווען אן אפטער אריינגייער אין בילדונגס־קאמיסאריאט אין לענינגראד. בעת איך בין געווען שטעלפארטרעטער פונעם פאלקס קאמיסאר פאר בילדונג, א. לונאטשארסקי, גארקי איז דאן געווען ענג פארבונדן מיט דעם פאלקס־קאמיסאריאט אין דער גרויסער ארבעט צו באזארגן די רוסישע שרייבער און געלערנטע מיט דערנערונג, מיט ביכער א.א.וו.

לויט לענינס אויפטראג האט דער פאלקס־קאמיסאריאט פאר בילדונג אפגעגעבן ־גרוים אויפמערקזאמקייט די רוסישע שרייבער און געלערנטע. איך בין געווען באפולמעכטיקט צו האלטן א שטענדיקע פארבינדונג מיט מאקסים גארקין, וועלכער האט שטארק געזארגט, אז פאר די שרייבער און געלערנטע זאלן געשאפן ווערן די נייטיקע לעבנס־באדינגונגען, כדי זיי זאלן קאנען פרוקטבאר פארזעצן זייער שעפערישע ארבעט.

גארקי פלעגט זייער אפט אריינקומען אין פאלקס־קאמיסאריאט און יעדעס מאל צושטעלן א צעטל פון שרייבער, וועלכע נייטיקן זיך באזונדערס אין הילף. לויט גארקיס איניציאטיוו האבן זיך ביי אים אין וואוינונג פארזאמלט א ריי געלערנטע: דער פרעזידענט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע

* צוגעשיקט פון מאסקווע.

קאַרפּינסקי, די באַוואוסטע אַקאַדעמיקער אַלדענבורג, פּערסמאַן, שאַכמאַטאָוו, דער באַרימטער מאַטעמאַטיקער סטעקלאָוו און אַנדערע. איך האָב אין דער באַראַטונג אָנטייל גענומען אַלס פאַרשטייער פונעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט. גאָרקי האָט געהאַלטן אַ קורצע פּלאַמיקע רעדע. ער האָט שוין דאַן פאָראויסגעזאָגט, אַז פאַר די געלערנטע און שרייבער האָבן זיך אין די סאָוועטישע באַדינגונגען געעפנט גאָר נייע האָריזאָנטן און זיי וועלן קאָנען שאַפן ווערק, וואָס וועלן ווערט זיין די סאָוועטישע עפּאָכע. און אַזוי רעדנדיק מיט גרויס באַגייסטערונג, האָט ער זיך מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן פון שטול אין זיין גאַנצער גרויס, אויף גיך אַ גלעט געטאָן די געלבלעך־גרויע וואָנצן און ווייך אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט איר וואָס, לאָמיר זיך ווענדן צו וולאַדימיר איליטש. ער האָט בא מיר ניט איינמאָל געפרעגט, ווי עס לעבן איצט און וואָס טוען איצט אונזערע געלערנטע און שרייבער.

און כך הווה. גאָרקי איז אין די נאָענטסטע טעג געפאָרן קיין מאָסקווע צו לענינען. קומענדיק פון מאָסקווע, האָט ער מיט גרויס התפעלות דערציילט, אַז לענין באַציט זיך ממש פאָטערלעך צו די נויטן און באַדערפענישן פון די געלערנטע און שרייבער.

לויט לענינס אויפטראָג איז געשאַפן געוואָרן די „צעקובו" (צענטראַלע קאָמיסיע צו פאַרבעסערן דעם לעבנס־שטייגער פון די געלערנטע). די „צעקובו" האָט, ווי באַוואוסט, בשעתו טאַקע פיל אויפגעטאָן צו פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון די געלערנטע און פאַרשטאַרקט די קולטור פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד.

שמועסנדיק מיט אַלעקסיי מאַקסימאָוויטשן פאַר און נאָך די זיצונגען וועגן פאַרשיידענע פראַגן, איז מיר נישט איין מאָל אויסגעקומען צו באַרירן אויך די פראַגע וועגן דער לאַגע פון יידישן פאָלק אין פאַרשיידענע לענדער. מיר איז אויך אויסגעקומען צו הערן זיינע מיינונגען וועגן אַ ריי יידישע שרייבער. גאָרקי האָט אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור. ער איז קענטיק געווען גוט אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע פון די יידישע מאַסן אין פּוילן, אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

גאָרקי איז געווען אַן אמתער איבערגעגעבענער פריינט פון יידישן פאָלק. מיט האַס און צאָרן האָט ער גערעדט וועגן די שונאים פון יידישן פאָלק.

— דאָס זיינען שלאַנגען, דאָס זיינען ווערים, מיט זייער יידן־פיינטשאַפט, מיט זייערע נאַרישע אומגעלומפּערטע אויסטראַכטענישן און בלבולים, — פלעגט ער זאָגן, — דערנידעריקן זיי נישט דאָס יידישע פאָלק, נאָר זיך גופא און וואַרפן אַ מיאוסן שאָטן אויף זייער פאָלק. דער אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען און אַנטפּלעקונגען איז אַ שאַנד־פלעק, וואָס דער צאַריזם האָט געלאָזן בירושה אויף דער רוסישער ערד. און אָט דעם פלעק דאַרף מען אָפּווישן, אַז קיין זכר זאָל פון אים ניט בלייבן. אונדזער חוב. דער חוב פון דער רוסישער אינטעליגענץ, באַזונדערס פון רוסישע שרייבער איז



— דערמאָנט מיר איינעם, וואָס האָט אין זיך אַ טראָפּן גיפט, וואָס פאַרסמט דעם פאָלקס־אָרגאַניזם, וואָס באַהאַלט אים זיין שנאה צו די פאָלקסמאַסן אונטער דער מאַסקע פון יידן־פיינטשאַפט.

ס'איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן זיינע אַרויסזאָגונגען וועגן ביאַליק, פּרץ, שלום־עליכם, שלום אַש און אויך וועגן בערגעלסאָנען. וועגן ביאַליקן האָט ער גערעדט, ווי וועגן איינעם פון די גרעסטע פּאָעטן אין דער וועלט־ליטעראַטור.

— עס טוט מיר לייד, האָט גאָרקי איינמאָל געזאָגט, — וואָס איך קאָן נישט לייענען ביאַליקן אין אָריגינאַל, אָבער אפילו אין די איבערזעצונגען פילט זיך, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ ריזיקן אָריגינעלן פּאָעט, וואָס האָט זיך זיין נוסח, זיין אייגן וואָרט. עס פילט זיך אין אים דער צער און צאָרן פון אַ מאָדערנעם ירמיה, וואָס האָט איבערגעלעבט אַ קישענעווער פּאָגראָם.

גאָרקי האָט מיך גענומען „אַגיטירן", איך זאָל טיפער אַריינדרינגען אין ביאַליקס ווערק.

עס איז מיר אויך אויסגעקומען צו הערן, ווי וואַרעם גאָרקי האָט זיך אָפּגערופן וועגן שלום אַשן, באַזונדערס וועגן „שטעטל". ער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט שלום אַשס זון, דעם שרייבער. שלום אַש, ווידער, בעת ער האָט באַזוכט מאָסקווע, האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען ער וועט זיך טרעפן פנים־אל־פנים מיטן גרויסן רוסישן שרייבער. איך בין מיט שלום אַשן געגאַנגען צו גאָרקין אַהיים. (גאָרקי האָט דאַן געוואוינט אויף מאַשקאָוו געסל נומ. 3) מען דאַרף זיין אַזאַ קינסטלער, ווי גאָרקי אָדער ווי שלום אַש, כדי אָפּצושילדערן די פרייליכע באַגעגעניש צווישן די צוויי שרייבער. גאָרק האָט מיט גרויס ליבשאַפט אַרומגענומען אַשן און אַש איז געווען שטאַרק גערירט און האָט זיך צו אים צוגעטוליעט, צום גרויסן גאָרקין, ווי אַ זון צו אַ פאָטער. ס'געדענקט זיך מיר דער ליכטיקער שמייכל, וואָס האָט געשיינט אויף זייערע ביידנס פּנימער.

איינמאָל, בעת איך בין געווען ביי גאָרקין, אינדערהיים, איז אויפן טיש ביי אים געלעגן אַ זשורנאַל, אין וועלכן עס האָט זיך געדרוקט בערגעלסאָנס אַ דערציילונג.

ריידנדיק וועגן בערגעלסאָנען האָט גאָרקי באַמערקט:

— אַ גוטער שרייבער, אַ זאַפטיקער שרייבער!

איך האָב גאָרקין דערציילט וועגן דער פּאָליאַרע טאַלאַנטפולע יידישע שרייבער און פּאָעטן.

— מען האָט מיך טאַקע דערציילט, — האָט גאָרקי ווי זיך דערמאָנט, — וועגן נאָך אַ טאַלאַנטפולן יידישן שרייבער, וועגן ניסטערן. לײדער איז מיר נישט אויסגעקומען צו לייענען עפּעס פון זיינע ווערק. און ער האָט צוגעגעבן: — מ'דאַרף די יידישע שרייבער איבערזעצן. זייער ווייניק האָט מען זיי איבערזעצט.

וועגן גאָרקיס באַציאונג צו שלום־עליכם האָט מען ביי אונדז נאָך ווייניק

געשריבן. עס דאַרף נאָך ערשט אָנגעשריבן ווערן דאָס בוך, וואָס זאָל אַרויסנעמען אַלע, וואָס נאַרקי האָט אַרויסגעזאָגט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן וועגן שלום עליכמען. מיר איז נישט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן, מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג ער האָט גערעדט וועגן אים. נאַרקי האָט געשטעלט שלום עליכמען אין איין ריי מיט גאָגאָלן.

— פאַראַן שרייבער — האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט, — וואָס פון יעדער שורה זייערער טריפט פאָלקס־חכמה און גרויסמוטיקע ליבע צום פאָלק. אָט די דאָזיקע פאָלקס־חכמה, אָט די דאָזיקע גרויסע ליבע צום פאָלק שפּרודלט פון שלום עליכמען יעדעס שורה. עס איז נייטיק, האָט נאַרקי געזאָגט, — מען זאָל אָנשרייבן אַ מאָנאָגראַפיע וועגן שלום עליכמס נוסח, וועגן זיין באַדייטונג אין דער וועלט־ליטעראַטור.

נאַרקי האָט אויך געהאַלטן, אַז יעדעס שלום עליכם'ס ווערק, איבערזעצט אין רוסיש, איז אַ ווירקנדיקער קאַמף־מיטל קעגן אַנטיסעמיטיזם.

מיט גרויס רעגונג האָט נאַרקי גערעדט וועגן „מאָטל פּייסים":

„אַזוי פאַרשטיין די קינדערישע נשמה, דעם קינדערישן וועלט־באַנעם. אַזוי ליב האָבן דעם מענטשן אינעם קינד און דאָס קינד אינעם מענטשן איז זעלטן צו טרעפן אין דער וועלט־ליטעראַטור.

נאַרקי האָט דערציילט, אַז איבערלייענענדיק „דאָס יינגל מאָטל" (מאָטל פּייסי דעם חזנ'ס) איז ער געווען גערירט ביז טרערן.

— איך האָב געלאַכט און געוויינט, געוויינט און געלאַכט, לייענעדיק. ס'האָט מיר גלייך געצויגן אָנצושרייבן דעם אויטאָר פונעם ווערק אַ יישר־כוח פאַר דעם גענוס, וואָס ער האָט מיר פאַרשאַפט. אַ ליטעראַטור, — האָט נאַרקי באַמערקט, — וואָס פאַרמאָגט אַזאַ שרייבער, ווי שלום־עליכם, פאַרדינט שוין דערמיט אַליין צו פאַרנעמען איינס פון די בכבודיקסטע ערטער אין דער וועלט־ליטעראַטור, בפרט, אַז די יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט נאָך אַזאַ טיפן און גרויסן טאַלאַנט ווי פּרץ. שלום עליכם און פּרץ זיינען, דוכט מיר, צוויי פאַליוסן פון דער יידישער ליטעראַטור. איינער באַזינגט דאָס האַרץ פון פאָלק, דער צווייטער דעם מוח פון פאָלק. ווי ביידע, דוכט מיר, דערגאַנצן איינער דעם צווייטן...

יעדעס מאָל, ווען נאַרקי פלעגט ריידן וועגן שלום עליכמ'ען, פלעגט ער פאַרענדיקן:

— וועגן שלום עליכמ'ען וועלן מיר נאָך מיט אייך שמועסן...



## נחום שטענצעל

## וואו נעמט מען אביסל גלויבן אויף אַ רפואה ? !

(אלול־שטימונג)

„משפּיל גאים עדי אָרץ, ומגביה שפלים עדי מרום" — גריבלענדיק אַזוי, לעצטנס, אַביסעלע צופיל אין דער פּאָליטיק, וואָס האָט אונז ווידער אַרויפגענומען אויף דער וואַקאַנדע, נאָכדעם ווי מ'האָט אונז אַראָפּגעלאָזט פון דער עקדה — צו דערכאַפּן בלויז דעם אָטעם, ביז מ'וועט אונז ווידער צושנאָלן — האָב איך אָנגעהויבן שיעור אַריינפאַלן אין אַ מרה שחורה'דיקע שטימונג; און פּלוצים נעמט זיך מיר ברומען, אָן אַ פּאַרוואָס און אָן אַ פּאַרווען, דעם אויבערדערמאָנטן פּסוק, מיטן טייערן און אַזוי בנעימות־טרייסטענדיקן, ימים נוראים'דיקן סקאַרבאָוון ניגון: „משפּיל גאים עדי אָרץ — — ומ־ג־ב־י־ה שפלים עדי מרום" — — —

• • •

ניין, נישט נאָר די ווערטער זענען עס, פון אַזאַ פּסוק, וואָס פּילט אײנעם אָן מיט גלויבן און בטחון; עס איז בעיקר דער טייערער זיסער ניגון, אויסגעזונגען פון אומצעליקע דורות, געפּלאָגטע, געמאַטערטע און געטרודפטע, וועלכער פּליסט אַריין אין דער נשמה אַזאַ שפע פון אמונה און האָפענונג.

זינגנדיק, אָדער אפילו ברומענדיק בלויז, אַזאַ טיף־מעלאַדיש תנועה'לע, וואַרעמט עס דאָך אַזוי דאָס האַרץ מיט דערפילטן גלויבן, וואָס האָט אין זיך שוין קולט געווען דעם גלויבן פון דורות יידן, וועלכע האָבן, אויסזינגענדיק די דאָזיקע תנועה, אין איר אַריינגעלייגט זייער פעלונפעסטע אמונה, אינם זכות פון וועלכן מיר לעבן נאָך היינט.

• • •

יאָ, דער וואָס פאַרמאָגט נאָר אין זיך דאָס פּינטעלע ייד — און נאָר אַזעלכער קען אויך פילן דעם טעם וואָס ליגט באַהאַלטן אין אַזעלכע תנועות גלויבט באמונה שלימה אינם אמת פון אָט דעם פּסוק.

און זען מיר דען נישט בחוש, מיט אונזער גייסטיקן און פיזישן אויג פון אונזער ראַסע און אַלטן אָפּשטאַם, ווי די גרויסע און מעכטיקע, ווען זיי מיינען שוין אַז זיי קענען אָפּלאַכן פון מענש און גאָט, ברעכן צוזאַמען ווי אַ הויז פון קאַרטן ? נישט נאָר די נעשיכטע אונזערע דערצעלט אונז פון צענדליקער אַזעלכע „גרויס־מעכטע", וואָס זענען געפאַלן, און געוואָרן צו שטויב; מיר האָבן עס דאָך אַליין דערלעבט.

• • •

אַנומעלט האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן אַ קליינע נאָטיץ אין דער טעגליכער פּרעסע; אַ מעלדונג צו די איינוואוינער פון הענדראָן, זיך צו היטן און נישט באַזוכן קיין עפנטליכע פּלעצער, ווי קינאָס, קאַפעס וכדומה, ווייל עס זענען אין יענעם דיסטריקט פאָרגעקומען עטלעכע פאַלן פון קינדער־לעמונג („אינפאַנטייל פּאַראַליזם", בל"ז), וואָס איז, כידוע, אַזאַ פּאַסקודנע זאַך. —

— „און ספּעציעל ווערן געוואָרנט די שטאַרקע, אַטלעטישע טיפּן" — האָבן די צייטונגען אין דער ראַזיקער מעלדונג געזאָגט — „זיי זאָלן זיין ספּעציעל געוואָרנט און זיך היטן, ווייל דער ראַזיקער באַציל פון דער קינדער־לעמונג־קרענק האָט אַ באַזונדערע שליטה איבער זיי". ד.ה. אַז דווקא אין אַטלעטישע גבורים, וואָס שפּראָצן מיט געזונדקייט, האָט זיך דער געפערליכער באַצילוס ליב אַריינצוכאַפּן.

לייענענדיק אַזוי די ראַזיקע נאָטיץ האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן און טראַכטן איבער די מיסטעריעזע דרכים פון דער ליבער נאַטור, איבער די פאַרבאָרגענע, סודות־פולע שטיקלעך אירע; עפּעס האָט זי נישט ליב ווען מענטשעלעך נעמען זיך צופיל איבער... עפּעס לויערט זי דווקא אויף די שפּראָצנדיקע גבורים, וואָס וואַרפן אַרויס די ברוסט און ווייזן דער וועלט און כביכול אַ לאַנגע נאָז...

* * *

אוועקלייגנדיק די צייטונג מיט דער ראַזיקער מעלדונג פון „לאָקאַלער" וויכטיקייט, האָט זיך מיר ווידער ספּאָנטאַן, גענומען אונטער־ברומען דעם אויבן־דערמאָנטן סקאַרבאָווערדיקן ימים נוראים־ניגון, און איך בין פּלוצלינג אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ וואַרעמדיקייט — אַ וואַרעמקייט, אַזאַ מאָדנע, וואָס האָט געקילט... מיין צעהיצטע נשמה — כ'האָב דעמלט געפילט אַזאַ טעם, וואָס קיין גוי, אַפילו אַן אינטעליגענטער, קען נישט פילן, און עס האָט דעמלט מיר נאָר באַנג געטון, וואָס איך האָב מיך נישט געלערנט שרייבן מוזיקאַלישע נאָטן — ווייל אַזוי שרעקלעך־גערן האָב איך, אין דעם מאָמענט, מיר געוואונטשן צו קענען פאַרצייכענען תנועות פון דעם ראַזיקן, טייערן, ימים נוראים'דיקן סקאַרבאָוון ניגון: „משפיל גאים עדי ארץ — ומגביה שפלים עדי מרום" — — —

יאָ, וואו נעמט מען נאָר אַ קאַפּעטשקע אמונה אויף אַ רפואה?! עפּעס דערנענטערן מיר זיך דאָך צו די ימים נוראים — נישט בלויז ימים נוראים פאַר אונז יידן, נאָר אויך פאַר דער גאַרער וועלט — — —

נישט קיין „היי פעסטיוואַלס" וועלן דאָס זיין — נאָר טאַקע י מ י ם נ ו ר א י ם!

## יעקב שמואל טויבש

## וועלכן שוך דאַרף מען אָנטון פריער?
אָדער
## שולחן-ערוך ווערט ווידער מאָדערן *

דאָ אַנומלט, שבת־צו־נאַכט, טרעף איך מיינעם אַ גוטן־פריינט, אַ ליטעראַט, אַ פילאָזאָף, אַ „ביבלקריטיקער", איינעם פון יענע חריפים, פאַר וועלכע עס זענען נישטאָ פאַראַנען קיינע סודות און קיינע גרענעצן אין דעם עולם ומלואו. דערפאַר איז ער טאַקע שוין אַריבער די גרענעץ, האַלט ער שוין ערגעץ



נאָר ווייט, אויש פאַר בריאת־העולם. ער שווימט אַרום אין שטח, ווי אונדזער איינער אין היימישן טייך. ער וואָרפט אַרום מיט אַסטראָנאָמישע ציפערן, ווי אַ יינגל מיט אַ פוס־באַל. אין געאָלאָגישע פּעריאָדעס קען ער זיך בעסער אויס, ווי איך אין מיין נעסל און אַ מיליאָן יאָר איז פאַר אים, ווי אַ שנאַל מיטן פינגער.

איז, איידער מיר האָבן זיך נאָך רעכט אָפּגעגעבן שלום, זענען מיר שוין געווען פאַרכאַפּט אין אַ שמועס וועגן רעליגיע, נביאים, שולחן־ערוך, בפרט אָבער שולחן־ערוך... וועט איר פרעגן, פאַרוואָס עפּעס דווקא שולחן־ערוך? פאַרוואָס ניט גמרא, אַ תוספות? איז שווער אויסצוטייטשן. מיר זענען דאָך יידישע שרייבערס, קען מען דאָך עפּעס נישט, הכלל, אַזוי איז דאָס... און איידער איך האָב נאָך אויסגעפייעט אויפצועפענען דאָס מויל, האָט ער מיר שוין געהאַט באַוויזן, על רגל אחת, אַז דער גאַנצער שולחן ערוך איז אַן אָפּגעבליאַקעוועטער ענין, אַלט־מאָדישער, פאַרשימלטער אַבערגלויבן; אַז דאָס אָפּשטעלן זיך אויף „אַזעלכע קליינקייטן" קרעמפּעוועט נאָר אין דעם פרייען, מענטשלעכן כאַראַקטער, אַז דאָס פאַרקרומט דעם גייסט, פאַרקריפּלט די נשמה און מאַכט פון אַ נאָרמאַלן מענטש אַ זעלישן הויקער, אַ פּסיכאָפּאַט...

„וואָס גייט איר מיר דערציילן?" האָט ער פאַרענדיקט זיינע טענות, הגם איך האָב נאָך נישט געהאַט אַרויסגעלאָזט די פּאַרע פון מויל. „דאָס הייסט ביי אייך אַן ענין? אַריינצוטראַכטן אין דעם, וועלכן שוך מען דאַרף אָנטון פריער? צי וועלכן זאָק אַרויפציען צוערשט? צי וועלכעס שוך־בענדל מען זאָל צושנירן קודם? אַ, וועגן אַזעלכע פּוסטע זאַכן, זאָל מען זיך בוירען דעם קאָפּ, דאַרן דעם מוח, אָנווערן זיין צייט? פע, טאַקע פע, פּאַסקודסטווע, נאַרישקייטן...

איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, תיכף געוואָלט אָפּענטפערן. איז ער מיר אָבער פּלוצים נעלם געוואָרן, פאַרשוואונדן, ווי אַריינגעזונקען אין דר'ערד אַריין. ער האָט מיך איבערגעלאָזט מיטן אָפּענעם מויל, אַ נעפּלעוואָן, אַ צעדודערטן, מיך געלאָזט שטיין, איך בעט איבער אייער כבוד, טאַקע פּשוט, ווי... און ס'האָט מיך שטאַרק געפערעט.

דאָס איז געווען שבת־צו־נאַכט.

דעם אַנדערן מאָרגן, זונטיק, קויף איך מיר, ווי געוויינטלעך, אַן ענגלישע צייטונג, אַ גראָבן זונטיק־נומער. איך מוז אייך אַפילו זאָגן, וואָספאַראַ צייטונג דאָס איז געווען, און דעם דאַטום פונעם בלאַט אויכעט. ווייל דאָס ווייזט מיר אויס זייער וויכטיק; אויף דעם שטייט, דאַכט זיך מיר, מיין גאַנצע מעשה.

ס'איז געווען דער „סאַנדיי דיספּעטש" פון זונטיק, דעם 26־טן מאַי, 1946. לייען איך דאָרט אַ גרויסן אַרטיקל וועגן דעם „וויאַזוי מען דאַרף פּלאַנעווען זיין טאָג". דער מחבר פונעם אַרטיקל איז אַ מאָדערנער מענטש, אַ מיטגליד פונעם ענגלישן פּאַרלאַמענט און, ווייזט אויס, דווקא נישט קיין שוטה. איז, ווייל ער אויסלערנען דעם עולם, מיט אַ סעריע אַרטיקלען, וויאַזוי

מען קען מצליח זיין אין לעבן, ווערן אַ „סוקצעס“. צוליב דעם, טענה'ט ער, דאַרף מען „פּלאַנעווען דעם טאָג“. מען דאַרף, זאָגט ער, לעבן מיט אַ סדר און נישט פאַרלירן קיין צייט מיט די קלייניקייטן פון טעגלעכן לעבן. און כדי נישט צו פאַרלירן קיין צייט, דאַרף מען, זאָגט ער בפירוש, זיך נישט ברייען איבער דעם, וועלכן שוך מען זאָל אַרויפציִען קודם, נאָר — מען דאַרף וויסן פאַרויס, מאַקע תיכּף ומיד, וועלכן שוך מען גייט אָנטון פריער. איז ער אָבער אַ גוי, (צי אפשר אפילו אַ ייד) און קען נישט קיין שולחן ערוך, גיט ער צו ווערטלעך אַזוי:

עס שפּילט ניט די גרינגסטע ראָלע, צי טוט איר אָן דעם רעכטן שוך פריער, צי דעם לינקן. אָבער עס שפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע, איר זאָלט שטענדיק אָנטון דעם ג ל י י כ ן שוך פריער און נישט פאַרלירן, קיין רגע אפילו, מיט „ספקות“.

איז, קודם כּל, אַזוי. קודם כּל ווייזט אויס, לויט דעם ענגלישן אַרטיקל־שרייבער פון זונטיק, דעם 26־טן מאַי 1946, אַז דער שיך־און־זאָקן־ענין איז פאָרט נאָך אַן ענין און — אַ מאָדערנער ענין דערצו.

דער מאָדערנער מענטש, דער געיאָגטער, געהעצטער, נערוועזער מענטש פון אונדזער תקופה, דער תקופה פון געשווינטקייט, האָט אָנגעוווירן זיין ממשלה איבער דעם לעבן. שטענדיק נייע וויסנשאַפטלעכע אויפטועכצן, נייע טעכנישע דערגרייכונגען, שטענדיק זיך בייטנדיקע נייע מאָדעס האָבן פאַרשטערט דאָס גלייכגעוויכט פון זיין נשמה און דערמיט דעם רואיקן, כסדר'דיקן אַפּליוף פון זיין טאָג. ווייל די אַנטוויקלונג פון דער נשמה, פון דער עטישער פערזענלעכקייט, וואָס איז, בטבע, אַ לאַנגזאַמע, אַ שטילע, אָן אָרגאַנישע, האַלט נישט קיין שריט מיט דעם רעש'יקן בליץ־טעמפּאָ פון אונדזער צייט.

פון אָט דעם צושטאַנד, פון דער דיסאָנאַנץ צווישן דער מענטשלעכער נשמה און דער מעכאַניזירטער צייט, נעמען זיך אויך דאָס רוב נערוועזע דערשיינונגען, פּסיכישע קראַנקהייטן, וואָס אַנדערע פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגן און אַנאַליטיקער וויסן דערפון צו זינגען און צו זאָגן.

אגב אורחא איז דאָ אויך אפשר דער מקור פון יענעם מאָרט אַזוינערפענער פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור, וואָס זאָגט צו דעם לייענער, פאַר אייניקע גראָשן, אַ „זיכערן סיסטעם“ אויף צו ווערן רואיק, צו ווערן ענערגיש, זיך צו באַהערשן, אויף אויסצוהיילן זיין קאָפּ־ווייטיק, צו רעגולירן זיין שטול־גאַנג און צו פאַרריכטן זיינע סעקסועלע שטערונגען.

אַלץ דאָס איז אַ רמז, אַז דער מאָדערנער מענטש פילט דאָס באַדערפעניש — און אפשר אַ סך שטאַרקער, ווי דער מענטש פון אַ פריערדיקער תקופה — זיך צו דיסציפּלינירן, זיך ערגעצוואו צו שטיצן, זיך אָנצוהאַלטן ביי אַ כּלל, ביי אַ סדר, ביי אַ נוסח, כדי נישט אַרונטערצופאַלן אונטער די רעדער פון דער ברויזנדיקער צייט.

אוודאי, אויב די נשמה וואָלט געהאַט די אויבערהאַנט, וואָלט זי ממילא



מסדר געווען די טעגלעכע לעבנס־דערשיינונגען, די פילפאַכע נייטיקייטן פונעם טאָג און זיי צוגעפּאַסט צו איר באַדערפעניש. אַזוי ווי די זעלישע פאַקטאָרן פון דעם מאָדערנעם מענטש איז אָבער אַ פאַרשוואַכטע, איז ער געקומען צו דער מסקנא, אַז מען דאַרף לעבן נאָך אַ באַשטימטן אויסגערעכנטן סיסטעם, בפרט אין שייכות מיט די „קליינע“ ענינים פון טאָג. דערביי באַווייזט ער אפילו זייער אַ געזונטן חוש. ווייל דווקא, אָט די קליינע ענינים זענען עס די וויכטיקע, אפשר די וויכטיקסטע פונעם מענטשלעכן לעבן, שוין דערפאַר, ווייל זיי חזר'ן זיך איבער טאָג פאַר טאָג. וויסנשאַפטן קומען און פאַרגייען, טעכנישע דערגרייכונגען פון היינט ווערן איבערגעטראָפן פון בעסערע מאָרגן. אָבער עסן אַ שטיקל ברויט, טרינקען אַ גלעזל טיי, אָנטון אַ מלבוש און — במחילה — גיין אין בית הכסא, אַלע די פּשוטע זאַכן פון דער גאַנצער וואָך, אָט זיי זענען עס די אמתדיק חשובע, די אייביקע ענינים, אייביק ווי די זון און די לבנה, ווי די געבורט און ווי דער טויט. דערפאַר דאַרפן מיר האָבן אַ באַשטימטן, אַ זיכערן צוגאַנג צו זיי, דאַרפן מיר אַ „רוטינע“, ווי מען רופט עס.

וואָס אָבער איז דער שולחן ערוך, אויב נישט אַ רוטינע, די לעבנס־רוטינע פונעם יידישן מענטש?

אויף אַזוי ווייט איז, ווייזט אויס, דער שולחן ערוך מאָדערן. און דער גאַנצער חילוק באַשטייט, הייסט עס, נאָר אין דעם, וואָס דער מאָדערנער, דער מ'בלומרשט פרייער מענטש, האַלט ערשט ביים אויסטראַכטן אַ סיסטעם, צי מיינט נאָר, אַז יעדער איינער זאָל זיך האָבן זיין סיסטעם, זיין „אייגענעם שולחן ערוך“, בעת ביי אונדז יידן איז ער שוין פאַראַנען; אַז דער מאָדערנער מענטש טראַכט זיך צוזוטשעפּן צו עפּעס אַ געוואוינהייט, אַ נוסח, אַ מעכאַנישער פאָרמעלע, אַבי נאָר צו געווינען אַ שטיקל אָנהאַלט, בעת ביי אונדז איז דער נוסח שוין פאַראַנען, באַשטייט ער שוין צייט הונדערטער יאָרן, שטייט ער גרייט, אַ צוגעגרייטער טיש, מאַקע נאָר זיך צוצוזעצן צו אים...

מיט וואָס אָבער, פרעגן מיר דערווייל גאַנץ אַלגעמיין, זאָל דער אַלטער יידישער פאָרנעם זיין הינטערשטעליק לגבי דעם מאָדערנעם?

אויב די כוונה איז, אַז פון אַ זאַך זאָל ווערן אַ געוואוינהייט, אַ הרגל, אַ פעסט פאַרפונדעוועטער נוסח, וואָס זאָל קענען בייקומען די שטורעמדיקע כוואַליעס פון זיך שטענדיק בייטנדיקע צייטן, אויב אַ זאַך דאַרף ווערן אויף אַזוי וויט איינגעבאַקן אין בלוט און אין די ביינער, אַז דער מענטש זאָל זיין ביכולת, צו מען די זאַך אָן איבערלעגונג און כמעט ווי אומבאַוואוסט, „כדי נישט צו פאַרלירן, קיין רגע אפילו, מיט ספקות“, איז דאָך זיכער לייכטער מקיים צו זיין אַזאַ כוונה, אויב מען גייט דערביי נאָך אַן אַלגעמיין אָנגענומענעם וועג, אַ באַשטימטער, פיקסירטער שיטה, כמעט וויל זיך זאָגן, אַ קאָנווענציאָנעלן דרך. ווייל די אידייע פון ראַציאָנאַליזירן, פון פּלאַנעווען, מיינט דאָך ממילא „צוגרייטן“; איז, אויב צוגרייטן, וואָס קען זיין באַקוועמער

מער, ווי אַ צוגעגרייטער טיש? בפרט, אַז דער טיש איז געוואָרן געפּלאַנעוועט און אויפגעבויט און צוגעגרייט אויף דעם סמך פון וויסן, אָנגעזאַמלט במשך פון הונדערטער, פון טויזנטער יאָרן און דורך פּערזענלעכקייטן, וועמענס פּסיכאָלאָגיש חריפות האָט אַריינגענומען אין חשבון אַריין, סיי דעם מענטשלעכן כאַראַקטער בכלל, סיי דעם יידישן פאָלקס־כאַראַקטער בפרט.

אויב דאָס זאָל זיין דער גאַנצער חילוק צווישן אונז און זיי, איז דער חסרון זיכער נישט אויף אונדזער זייט!

איין חילוק (און אַ גרויסער דערצו) צווישן אונדזער סיסטעם און דעם מאָדערנעם, איז אָבער יאָ פאַראַן. בעת דער ניט־ייד בויט אויף אַדער שטרעבט אויפצובויען זיין סיסטעם אויף אַ ריין צופעליקן, אַ מעכאַנישן יסוד, אויף דעם צופעליקן אַנטשלוס, למשל, אָנצוטון איין מאָל פאַר אַלע מאָל, דעם רעכטן, צי דעם לינקן שוך פריער, בינט דער יידישער סיסטעם צו זיינע דינים צו דער תורה, צו אַ רעליגיעזן שורש, צו אַן עטישן באַגריף, צו אַ מאָראַלישער אידייע און ער זאָגט, אַז עס מוז דווקא זיין דער רעכטער שוך. דערמיט באַקומט זיין סיסטעם תיכף אַ רעליגיעזן כאַראַקטער און ווערט — אַ רעליגיעזער חיוב, אַן עטישער אימפּעראַטיוו. און אָט דאָס, דאָס מחויבדיקע, דאָס זיך־פאַרפליכטן, אָט דאָס שטערט דעם מאָדערנעם פרייהייטלעכן גייסט אפשר מייסטנס. הגם מיט דעם התנגדות איז ער סותר זיין אייגענע שטרעבונג. ווייל צו וועלן מאַכן פון אַ זאַך אַ שטענדיקע, הייסט דאָך ממילא, זיך מתחייב זיין צו איר. וואָס אָבער קען מער מתחייב זיין, ווי אַ רעליגיעזע אידייע, ווי די השערה, אַז דאָס איז אַן אומבאַדינגטע נייטיקייט, בקיצור אַ מאָראַליש התחייבות. אַזאַ השערה איז דאָך זיכער שטאַרקער, אויף צו פאַרפעסטיקן אַ סיסטעם, ווי עפּעס אַ צופעליקע, גלייכגילטיקע פאָרמעלע, צי אפילו אַן אויסגעמאַנצלטע פּסיכאָלאָגישע איבער־חכמה.

בלייבט נאָך צום סוף, ווי ביים סוף פון אַ יעדער טיפערער חקירה, די טענה געגן רעליגיע בכלל. זיך אַריינצולאָזן אין דער טענה בין איך אָבער דורכאויס ניט אויסן, לכל הפחות, ניט אינעם ראַם פון דעם דאָזיקן אַרטיקל. פאַר מיטן רב׳שע וועט זיך מיין ביבל־קריטיקער שוין מוזן אַליין פאַרגלייכן. פאַר אונדז אַנדערע אָבער איז בולט, אַז מיט דעם צובינדן דעם מענטשנס מעשים צו אַ גייסטיקן מקור, פאַרפולט זיי דער יידישער פאַרנעם מיט אַ ביידייטנדיקן תוכן, גיסט ער אין זיי אַריין אַ טיפערן באַטייט, מאַכט ער פון אַ שטאַרן סיסטעם אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם, דערהייבט ער די „קליינע ענינים“ צו אַ העכערער מדרגה, בקיצור, איז ער גורם מיטן רעכטן שוך אַ מאָראַלישן אַקט און מיטן לינקן שוך־בענדל אַן עטישע טאַט. —

* פאַרשטייט זיך, אַז דער גרונד־מאָטיוו פון דעם אַרטיקל איז אָפן צו פרייער דיסקוסיע. די רעדאַקציע.



ש. י. דאַרפזאָן

# דינה האַלפּערן

זיצנדיק אין טעאַטער ביי דער פּיעסע „מיט אָפענע אויגן“, האָט אַ פּשוטע יידישע פרוי אין שכנות פון מיר, זיך אָנגערופן צו איר מאַן:

„וואָס פאַר אַ מחיה׳דיקן יידיש זי רעדט“...

געמיינט האָט זי דינה האַלפּערן.

---

עס זענען פאַראַן בינע־קינסטלער, וואָס „שאַפן“ זיך זייער אייגן בינע־לשון, כדי זייער „פּראָזע“ זאָל אַרויסקומען מכלומרשט „אַריסטאָקראַטישער“.

מיר איז אויסגעקומען צו רייד מיט דינה האַלפּערן פּריוואַט און איך האָב ניט געפונען קיין שום ענדערונג פון איר זאַפטיקן יידישן לשון, וואָס זי באַנוצט אויף דער בינע און אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

דאָס איז איינע פון די העכסטע און וויכטיקסטע מעלות פון אַ בינע־קינסטלער, צו רייד נאַטירלעך און צו שפּילן נאַטירלעך.

---

דינה האַלפּערן איז אַן אַקטריסע, וואָס קען און פאַרשטייט דעם טעאַטער עולם, דורך און דורך! דעריבער האָט זי אין איר רעפּערטואַר אַזעלכע פּיעסן („מיט אָפענע אויגן“, די „פאַרגעסענע פרוי“, וכדומה), וועמענס דערפאָלג איז אַ „געזיכערטער“; עס זענען פּיעסן, וואָס דאַרפן האָבן רחמים ביים ערלעכן און אויפריכטיקן קריטיקער. אָבער דינה האַלפּערן האָט די דאָזיקע פּיעסן (בעיקר „די פאַרגעסענע פרוי“) אָנגעטון אַ מאַנטעלע פון חן און לייטזעליקייט. דינה פאַרגלעט דעם מחבר׳ס חטאים — דורך איר אופן פון שפּילן די קאָמפּליצירטע ראָלן, וואָס קומען אַרויס אַזוי נאַטירלעך און איבערצייגנד, אַז מען גלייבט איר און דער עולם ווערט ממש מיטגעריסן.

---

אָפטמאָל האָב איך נאָכגעטראַכט:

דינה האַלפּערן איז אָן שום ספק אַ גרויסער בינע־טאַלאַנט און דער עיקר: זי פאַרמאָגט קולטור און אינטעליגענץ. טאָ ווי קומט עס, וואָס זי שענקט אַוועק אַזויפיל כח, האַרץ און נשמה פאַר אַזאַ אומגעלומפּערטער פּיעסע ווי עס איז די „פאַרגעסענע פרוי“. ווי קען מען דינה׳ס קרישטאָליק יידיש לשון מטמא זיין אין אַזאַ ממש שונדערלעכער מאַכערייקע?

— מאַנגל אין רעפּערטואַר — איז די תשובה.

דאָס יידישע טעאַטער ליידט אויף אַ חולאת וואָס הייסט: „רעפּערטואַר־קראַנקייט“.

עס איז אַ ערנסטע און אַ סכנה׳דיקע קראַנקהייט, וואָס קען אונדז קאָסטן דעם קיום פון יידישן טעאַטער.

עס זענען פאַרטריקענט געוואָרן די יידיש־שעפערישע קוואַלן, דעריבער

הארמאניש מיטבאוועגט. אן דיסאנאנסן אן עקען און לעכער, מיט עטא טאפל, ארויסווייזנדיק איר טאלאנט אין א ראלע אין געגנזאץ צו אירע געוויינלעכע, און מיט פיניע גאלדשטיין אלס דערקוויקנדיקער פארביקער זיג־זאג, וואס האט דאס גאנצע פריידיק באלויכטן. נאטירלעך וואלט זיך ליבער געוואלט זען דינה האלפערן אין א פיעסע וואס זאל זיך קאנען ליטעראריש פארגלייכן מיט איר געשטאלטנדיקן טאלאנט. אבער פארהאפט איז מען געווען פון ערשטן ביז צום לעצטן. און נאך א פאר מינוט האט מען פארגעסן אין דער פיעסע אלס אזעלכע.

די צווייטע אויפפירונג „די פארגעסענע פרוי", איז געווען פשוט א טראגעדיע, איך מיין ניט די פיעסע גופא, — נאר דאס גאנצע ארום און ארום, אזוי ווי עס האט זיך פאר אונז אפגעשפילט. — דינה האלפערן, אין דער העכסטער אפגעריסנקייט פון איר אייגענער וועלט פון א גרויסן טראגישן געראנגל. עס וויקלט זיך אויף און אפ דער שיקזאל קנויל פון א מענטשלעך לעבן, מיט אלע קניפן און לויפן. פלאנטערס און ריסן — הויבט זיך אויף מיט אדלערישע שוואונגען אין דעם קינסטלערישן היכל. באוועגט זיך אין פולשטענדיקער פערפעקטקייט פון די הויכן — אבער עס לאזט זיך אויף קיין רגע ניט פארגעסן, אז איר פלי איז געהאמעוועט. דורך א לאנגן גראען שטריק, אנגעבונדן אן דעם ארום פון ניכטערנער פארבלאזער וואכעדיקער שווערקייט. ס'קאן ניט העכער מיטשווינגן מיט איר ווי ביז צו די בינע־ברעטער, ווי מען שלאגט זיך אן און ווערט אויסגעניכטערט. ס'איז נאר א דאנק דינה האלפערנס חסידישער דביקות, אין וועלכער איר שפילן איז געווען איינגעהילט, וואס האט יאך אט אט אפגעראטעוועט דאס גאנצע פון לעכערליכקייט, מיר איז וואויל באקאנט דער רייז, דיקטירט פון קינסטלערישער שפילערישקייט. צו לאזן זען דעם קאנטראסט פון זיין שטראלענדיקער קראפט און דער בלאסער דורכשניטליכקייט, פון א קאמעדיע קאן מען נאך פון אזא לאטעריע שפיל ארויס מיט גאנצע ביינער. אבער ביי א טראגעדיע — זאל גאט שומר ומציל זיין! מיין ווילד הארצקלאפעניש בשעת דער גאנצער צייט פון שפילן איז געווען פאראורזאכט פון דער דאזיקער געפאר מער, ווי פונעם אטעמפארכאפנדיקן שפילן פון דינה האלפערן.

דערפאר האט איר „חאשע די יתומה" אויסגעגאסן א שפע פון פרייד און ענטציקן, ווי פון אן אלטן נגידישן צירונג־שאנק. — מ'ווייס נישט וואו אנהויבן און ווען אויפהערן! די קלענסטע איינצלהייט דארט איז ווערט א מיליאן — דער טאלפאטשיקער, נישט געצוימטער חן אין אנהויב; — און דאן די פארגעוואלטיקונג, וואס די לעבנס־גרויזאמקייט האט אויף איר אויסגעפירט, מ'הערט קנאקן ביינדלאך פון צער צעבראכענע פליגלעך; און דאן דאס שטורמישע דערהויבן זיך אויפסניי דורך די מאכט פון ליבע. ווי פרויענהאפט פשוט, ווי גרויס! ווער קאן פארגעסן די סצענע, ווען אירע צוויי גרויסע בענקשאפטן, — ליבע און דארף — פארן זיך צונויף, און זי צעווייבערט אריין



אין די פליויש באדעקטע, פארשטויבטע טונקלע שטוב פון דעם קליינעם טשערנאוויק דאס שמעקעדיקע לופטיקע דארף פון אירע קינדער יארן. און די גראציע פון א יעדן ריר איר, א יעדן דרע, א יעדן בייג — מאמעלע מיינע, איז זי דארט שיין!

כ'וויל מיר ניט לאזן שטערן מיט גארנישט, דאס וואונדערליכע איבערלעבעניש ביי איר שפילן „חאשע די יתומה", ניט אויף א האר דורך פאכמעניש־קריטישע באטראכטונג. צו די צארטקייט, די גראציעזקייט איז א חאשע יתומהשע צוקושט. ס'קאן זיין אז זי איז א צופירשטלעכע א צו דורותדיק גערישנטע, א צו שרה'שע פאר דעם הארפאשענעם דארפסמיידל. נאר ווער האט דערגרונטעוועט די וואונדער און סודות פון ליבע, צו קאנען זאגן ווי אירע מאכט־גרעניצן ליגן? א לעבנדע מיידל איז א געקרוינטע קעניגין אויף דעם אור־עלטערן טראן. בכלל ווילט זיך אינגאנצן גארנישט קלערן, מ'האט צונויפגעלעגט אין שקאטעלע אריין די קריטיק־ברילן. זיך ברייט צוריקגעלענט, מיט צונויפגעלעגטע הענט אינעם זעסל. און מ'גיט זיך איבער אויף (צוערשט) גאט'ס און (דערנאך) דינה האלפערנס בערעט. און מ'האט קיין חרטה נישט. — עס איז ניט גלאט אזוי די איינגעבוירענע גראציע, וואס א רייך באשענקטער קינסטלער ברענגט מיט פון נאטור. ס'איז ביי דינה האלפערן נאר, נאר עפעס אנדערש, ס'איז אסאך, אסאך מער. — כ'זאל עס נאר קאנען ריכטיק ארויסברענגען, ווייל ס'איז זער וויכטיק — אויף דער יידישער בינע איז אט דער צארט־פארביקער ניואנס, וואס רופט זיך גראציע, שטארק פארנאכלעסיקט געווארן. כמעט אינגאנצן פארלוירן געגאנגען. ראווינא פון דער „הבימה" און די גרויסע קינסטלערינס פון דער „ווילנער טרופע" האבן ארויפגעברענגט אויף די יידישע בינע הארמאניע און מאיעסטעטישקייט, וואס זענען ערנסטערע שוועסטערן פון דער גראציע. זייט אידא קאמינסקא, קאן איך זיך ניט דערמאנען צו האבן פערנומען ווען עס איז אט דעם שפילעריש־צערטלדיקן טאן. ערשט יעצט אין דינה האלפערנס געשטאלטונגס סימפאניעס האב איך אים ווידער געהערט דערקוויקנדיק קלינגען. און איך האף ביי דינה האלפערן געשעט קיין האנדלונג ניט אומבאוואוסט. (אט דאס איז דאס וויכטיקע פון וועלכן איך האב אויבן גערעדט.) זי קען זיך קלאר אוים אינעם בינען שולחן ערוך, אין אלע זיינע תעשה'ס ולא תעשה'ס. ווי א ייד אין אשרי, זי זעגלט ארום פריי אין זיכער אינעם ים פון געשטאלטונגס־קונסט. זי ווייס דעם סוד פון „וואס" און פון „ווען", פון „וויווייט" און „וויפל" און באנוצט זי מיט זיי מיט א זיכערער און געניטער האנט. זי פארמאגט די גרויסע, נאר זעלטענע קראפט, זיך ניט ארויסצופארלירן פון אירע אייגענע צוימען. ווי טיף און ווי הויך זי זאל זיך ניט האבן פארזונקען אין די פארבישופטע תהומען פון געשטאלטונג.

מארגן אויף דער נאכט גייט זי שפילן „מירעלע אפרת". און איך גרייט זיך צו צו א ניי און דאך שוין אביסל פארטרויטע איבערלעבעניש.

פון לאָנדאָן פאָרט זי צוריק אין אַמעריקע. איך ווינש אייך דינה האַלפערן און אונז אַלעמען, עס זאָל אייך געלונגען צודערהויבן דאָס יידישע טעאַטער צו אייער קינסטלערישע מדרגה (און נישט חלילה פאַרקערט!). — ס׳טוט וויי צו זען ווי אַן אָדלער פלאַטערט זיך אין טאָלן און אין קאַלוזשעס. אין די בערג צו לעבעדיקע, פרישע ווינטן הויבט אים אויף. דאָס איז אייער חוב, דינה האַלפערן, אַז נישט, האָט עס נישט געלוינט.

## מ. מינדעל

# משה עובר

ווען מיר וואָלטן נאָר געוואוסט פון אַ יידן וואָס האַנדעלט מיט אַנטיקן אין מוזעאום סטריט און איז אַ הויף ליפעראַנט פאַר קעניגין מערי און אַנדערע קעניגלעכע „הויף־לייט". וואָלט נאָר קיינעם נים אינטערעסירט, אַזוי ווי עס האָבן פאַר אונז קיין באַדייטונג הונדערטער אַנדערע, פיליכט גרעסערע סוחרים וואָס מאַכן געשעפטן מיט רייכע דאַמען און זייערע לוקסוס־ציִרונג.

אונז אינטערעסירט אָבער דער ייד משה עובר, ווייל ער איז אַן אונזערער, אַ וויטשעפּעלער, וואָס וואוינט אפילו אין די ווּעסט ענד.

משה עובר איז אַ קינד פון פאָלק, ער האָט אין זיין לעבן דורכגעמאַכט אַלע גלגולים פון קאַבצאַנסק און גלופּעשאָק און איז דורכגעוועבט מיט אַלע אונזערע פאָלקס־טראַגעדיעס, און דערצו באַזיצט ער אין אַ געוויסער מאָס טאַלאַנט, אַ חוש פאַר עסטעטישער קונסט, מאַלעריי און פלאַסטיק און איז פון נאַטור פאָעטיש באַגאַבט מיט זיין פען און איז איבערגעבן צו פאָלקס־טימלעכקייטן.

פאַר די יאָרן, וואָס איך קען אים, איז ער טעטיק אויף דעם געביט פון געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. ער איז געווען און איז נאָך יעצט איינער פון די פירער פון בן־אורי, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אין אונזער אָרימען יידישן לאָנדאָן אַ באַדייטענדען איינפלוס און וועט פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון די יידן אין ענגלאַנד.

ווען איר טרעפט משה עובר אויף אַ פאַרזאַמלונג און הערט אים רעדן, זעט איר פאַר זיך אַ טרוימער. אַ מענטש וואָס וויל אַריינדרינגען אין אייער נשמה. ער האָט אַלע מאָל וואָס צו זאָגן און רעדט און דערעדט נים. ער וואָלט דאַכט זיך געזאָגט אַזוי פיל און האַקט אָפּ אין מיטן. עס ווילט זיך הערן, וואָס וואָלט ער געזאָגט און מען בלייבט וואַרטן. פיליכט איז דאָס אַ מעלה: טראַכט אַליין וואָס ער וויל אַרויסברענגען!

און איך בלייב פיל מאָל זיצן און קלער, אַז דער הדרת פנים, דאָס קליינע יידילע מיט די לאַנגע האָר מיט זיין זיסער שטימע כמעט אַ "מיידן"־שפּראַך, איז אַ מין גלגול פון אַ יידישן נביא. ער וויל אונז מוסרן, ער וויל אונז טרייסטן און האָט נים געניג ווערטער אַרויסצוברענגען.



איך שטעל זיך פאָר, אַז ער וויל אין אונז אַריינפלאַנצן די נשמה יתירה, ער וויל געבן דעם פאָלק די עסטעטישע זייט פון לעבן: „לא על הלחם לבדו יחיה האדם"! וואָס מיר מאַטעריאַליזם, עקאָנאָמיק, פּאָליטיק, דאָס זיינען וואָכעדיקע זאַכן... ער וויל זען גייסטיק פאַרגעניגען פון לעבן, שבתדיק, כלו שבת.

אויב ס'איז עטוואָס פאַרבליבן אין אים פון אַמאָליקן חסידיזם, פירט ער אין אַ מיניאַטור אַ מין אַ נייעם פאָלקס־טיש... און איך באַטראַכט פיל מאָל ווי דער 60 יאָריקער יינגל, משה עובר, שפּרודלט מיט פרייד און זיינע לאַכע־דיקע אויגן פרייען זיך. ער פאַרגעסט אָן זיינע פריצטעס מיט די פרינצעסינס און וואָלט דאַכט זיך מיט אַלעמען געזונגען מלווה־מלכה־זמירות. און זייענדיק אין אַזאַ אַטמאָספערע ווערט ער פיל מאָל אינספּירירט פון די חברים וועלכע קלייבן זיך אַרום דעם שבת־טיש. וואו עס ווערן אַריבערגעטראָגן די רעדעס פון די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס וואו עס נעמען אַ באַרייטערען אָנטייל י. ביעטש, א. פּאָלישאָק, דאָרע דימאָנד, אייזיק גאָלדבערג, חזן ש. ראַטה און אַנדערע, מיט שטענצל אַלס פאָרזיצער.

און משה עובר באַנוגענט זיך נאָך נישט מיט דעם אַליין און גייט נאָך אויף אַ צווייטן פּלאַץ, וואו ער פילט זיך ווידער היימיש אין קולטור־קלוב. דאָרטן איז שוין אַביסל וואָכעדיקער. אָבער עס טראָגן זיך אַריבער די שטי־מונגען מיט די זעלבע ליבע חברים זיינע, און מען גיט אַזאַ שפּרונג אויש צום קאָמוניזם, וועלבער איז אין דער אמתן נישט מער ווי אַ משיח־חסידישע אידעע, ווען עס וואָלט איינגעשטאַנען אין יידישע הענט...

און ווידער ווערט נעהאַלטן רעדעס און משה עובר פילט זיך שבתדיק. און איך דיינק אַז דאָס גיט אים שפּייז פון וואָך צו וואָך, און ער קוקט שוין אַרויס אויף דעם שבת. און זיצנדיק ביי זיך אין קאַבינעט אַמאָל, פון לאַנג־ווייליקייט, פרעגט ער זיך אַליין מסתמא: ווען וועט שוין זיין שבת?

און מיר ווילט זיך ענטפערן: באַלד, נים לאַנג צו וואַרטן! מען דאַרף נאָר אַביסעלע צו האָרעווען צו גרייטן דעם עולם פאַר דעם נייעם לעבן, וואָס מיר וואָלטן געוואָלט ס'זאָל זיין אַלע טאָג שבת.

טראָץ מיין שוואַכער כאַראַקטעריסטיק פון אונזער חבר און פריינד משה עובר, זאָל פון דעסטוועגן מיין אָפּשאַצונג זיין אַ דערמאָנונג צו זיין 61 יאָריקן געבורטסטאָג, אַז ער האָט פריינד און חברים אין לאָנדאָן,וואָס ווייסן ווי צו געבן די אָנערקענונג צו איינעם וואָס פאַרדינט.

## מאַרים מינדעל

פאָזיצער פונם בילדונג־קאָמיטעט אינם אַרבעטער רינג, לאָנדאָן.



דער משיח ראבײ ד"ר הערץ ע"ה.

דאָס פײַן געמאָלטע פּאָרטרעט פון משיח ראבײ, װעלכער איז הײ־יאָר נפטר געװאָרן, איז דאָס אײנגטום פונם „דזשואיש קאָלעדזש". עס איז לעצטנס געװען אױסגעשטעלט אינם בן־אורי אױף אַ קאָלעקטיװ אױסשטעלונג פון לאָנדאָנער ייִדישע מאָלער. דער באַקאַנטער מאָלער אָפּענהײמער, װעלכער האָט דאָס בילד געמאָלן פײַערט יעצט זײַן זיבעציק יעריקן יובל.



# אױפבױ און אױסדרױער

(סעקרעטאַריאַט פון „פרײַנט פון ייִדיש לשון", לאָנדאָן)

מען רעדט אַזױפיל פונם צושפּליטערטן אָרימען ישוב אין ענגלאַנד. בײַ יעדער געלעגנהײט באַטאָנט מען אַזױ שטאַרק די גײַסטיקע אָרעמקײט פון אַלע סעקציעס פונם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די באַטאָנונג און באַצײכענונג איז „אָרימקײט" נישט „דלות", חלילה, און דאָס איז אַ טרײסט, װײַל אױך אין אַן אָרימער שטוב קען הערשן רײנקײט און אָרדענונג און אַ װילן צו אַ העכערער לעבנספאָרם פאַר דעם קאָלעקטיװ און יעדן יחיד, װאָס לעבט אין דער דאָזיקער אָרימער שטוב.

ס'איז שױן כמעט אַנדערטהאַלבן יאָר, װי די מלחמה אין אײראָפּע האָט זיך פאַרענדיקט. די איבערגעבליבענע רעשטלעך ייִדן אין די פאַרשײדענע אײראָפּעאישע קיבוצים האָבן אַרױסגעװיזן אַ גרױסן לעבנס־כּוח און װיטאַליטעט. גיך און ספּאָנטאַן האָבן זײ געבױט און געבילדעט װעלטלעכע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס; װירטשאַפטלעכע, סאָציאַלע און גײַסטיק־קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס; שול־סיסטעמען זענען געװאָרן אױסגעבױט, צוגעפּאַסט צו די שיטות פון די פאַרשידענע גרופּן פון די דאָרטיקע ישובים.

און װען מען רעכנט נאָך צו די אָן שום ספק שטאַרקע טענדענץ בײַ אַנדערע ייִדישע פאָלקס־מאַסן פון די שארית הפּליטה אײנגאַנצן צו פאַרלאָזן אײראָפּע און גײן בילדן אַ נײַ לעבן פון אַ פאָלקס־קאָלעקטיװ אין פּאַלעסטינע אָדער זיך ראַטעװען כּתם מעבר לים בײַ קרובים אָדער פרײַנט — זענען דאָס אַלעס די זעלביקע סימפּטאָמען פון אַ שטאַרקן לעבנס־װילן און כּח, סימפּטאָמען פון זאַמלונג און אױפבױ.

טראַגיש־טרױעריק און שרעקלעך איז אונזער מצב אַלס פאָלק, מחמת אין די גרױסע לעבנס־פראַגן זענען מיר נאָר אָביעקט, פון גורל נישט מער. מיט אונז רעכנט מען זיך נישט גרױס. אונז װיל מען פּטרן מיט גאָרנישט. מען װיל אונז האַלטן אין הינטערגרונט און מען װיל, אַז מיר זאָלן זיך האַלטן אין הינטערגרונט.

אָבער אין די אינטערנע פראַגן פון אונזער לעבן, װעלכע קומען נישט אין קאָנפליקט מיט די „אינטערעסן" און מאַכט־פּאָליטישע אַמביציעס פון די גבורי העולם ברױכן מיר נישט בלײַבן אין הינטערגרונט. נישט אױפגעבנדיק און נישט פאַרמינדערנדיק אונזער גרױסן לעבנסקאַמף אַלס פאָלק מיט באַרעכטיקטע געזאַמט־נאַציאָנאַלע אַמביציעס אין אַלע לענדער, װאו מיר געפינען זיך, קענען און מוזן מיר אונז קאָנצענטרירן אױף אונזער גײַסטיק־קולטורעלער אַרבעט, װעלכע מיר האָבן אַריבערגעבראַכט פון אונזער איצט צערשטערטער הײם דאָ און דאָרט און אומעטום.

װען עס זענען נאָך דעם סוף פון דער מלחמה געקומען די שליחים פון די שארית הפּליטה פון פּױלן, פראַנקרײַך, בעלגיע און אַנדערשװאו האָבן זײ דערװאָרט פון אונז הילף. און מאָראַלישע הילף האָבן זײ אפשר נאָך מער גע־

ברויכט ווי מאַטעריאַל. איז דאָך פון די מלחמה־לענדער דאָ אַרום דער יידישער ישוב אין ענגלאַנד געווען דער איינציקער, וועלכער איז פיזיש אַלס פאָלק־קערפּער געבליבן אָן עין הרע, גאַנץ און אומבאַרירט. ס'איז געווען נאַטירלעך, אַז זיי האָבן דערוואַרט גרויסע זאַכן, און ס'איז אויך געווען נאַטירלעך, אַז זיי זענען געוואָרן אַנטוישט. דער גאַנצער יידישער פאָלקס־אָרגאַניזם דאָ אין מלכות ענגלאַנד איז גלייך צו אַ פּיראַמידע, וואָס שטייט נישט און איז פונדירט אויף דער באַזיס, נאָר אויף דער שפּיץ. אין פּוילן, אין פראַנקרייך און רוסלאַנד זענען אָדער זענען געווען די פּראָגרעסיווע כחות באַזירט אויף פאָלקס־מאַסן. די געווײלטע אָדער באַשטימטע פירער און טוער ווערן געטראָגן אָדער געטריבן פון אַ געזונטן פאָלקס כח. נישט אָבער דאָ. דאָ האָבן מיר כמעט אין אַלע אָרגאַניזאַציעס אָנגעהויבן פון דער אַזויגערופענער קהלה (און אַ קהלה אין אמתן זין פון וואָרט עקזיסטירט דאָך נישט אין גרויסבריטאַניע) ביז צו די אַלטע באַקאַנטע און פאַרשטעקטע קלובן און קלובלעך נאָר נאָטאַבלען, מענטשן מיט „נעמען", שתדלנים, „יחסנים", וואָס נישט זיי האָבן אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט דעם ייד פון אַ גאַנץ יאָר און נישט זיי קענען זיין גייסטיקע נויט. זיי זענען די מענטשן פון נעכטן. פאַר זיי איז וויכטיק, אַז זיי שטייען „אָן טאָפּ" פון זייער קליינער אָרגאַניזאַציע און זען נישט, וואָס ס'טוט זיך אַרום זיי.

מיר דאָ „פריינט פון יידיש לשון" זענען אין אַ געוויסער באַציאונג אַן אויסנאַם. זענענדיק, ווי מיר ווערן אַלס פאָלקס־קערפּער אַהין און אַהער געשליידערט פון צייט און גורל און אומבאַוואוסטע אָדער באַוואוסטע לעבנס־כחות, הערן מיר טראָצדעם נישט אויף צו גלויבן אין די ווערטן פון דער יידישער קולטור, יידישער ליטעראַטור און קונסט; הערן מיר נישט אויף צו זיין די יורשים פון אונזער נאַציאָנאַל־יידישער טראַדיציע און אונזערע מאָדערנע קלאַסיקער מענדעלע מו"ס, שלום עליכם, פּרץ, ביאַליק, מאָרים ראָזענפעלד און אַנדערע. מיר ווילן אָבער נישט זיין און בלייבן יורשים פון נעכטן אַליין, נאָר מיט באַשיידענע כחות ווייטער שפּינען דעם פאָדעם, ווייטער שמידן רינגעלעך צו דער גאָלדענער אָדער אײַזערנער קייט פון יידישער גייסטיקייט און קולטור.

עפּעס טון איז בעסער, ווי גאָרנישט טון: די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, געגרינדעט, אויפגעהאַלטן און געפירט פון א.נ. שטענצל, זייט 8-9 יאָר זענען אַן אינסטיטוציע, וואָס קען נישט ווערן מער אַרויסגענומען פון יידישן לעבן אין לאָנדאָן; די פון צייט צו צייט פון אונז פאַראַנשטאַלטעטע ליטעראַריש־מוזיקאַלישע קאָנצערטן און אין אונזער נאָמען מיט אונזער מיטהילף און אַרבעט געגעבענע טעאַטער־פאָרשטעלונגען ציען אָן פאָלקסמאַסן און אינטעליגענץ; דער זשורנאַל „לשון און לעבן", יורש פונם באַקאַנטן „שטענצל־העפטל" האָט זיך דערוואָרבן אַ גוטן נאָמען און אַ באַליבטקייט דאָ און אין אויסלאַנד.

אָבער דאָס איז נישט גענוג. מיר ווילן זיין אַ פּיראַמידע, וואָס איז גע־



פונדעוועט אויף דער באַזיס. מיר מוזן אַרויס פון דער ענגקייט פון אַ קלייזל אָדער ווינקל־קוואָרטיר. מיר ווילן האָבן אַ בונד פון די, וואָס האָבן די היימישע ליבע צו יידישער גייסטיקייט און יידישער קולטור.

מיר ברויכן מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס זאָל אונז העלפן מאָראַליש און מאַטעריעליש (ביידע זענען גלייכצייטיק וויכטיק) טראָגן די שווערע און קאָמפּליצירטע אַרבעט. מיר מוזן אין כמות שטאַרק ווערן ווי אין איכות, כדי די אַרבעט זאָל נישט ליגן אויף צוויי, דריי אָדער פיר מענטשן.

דער גרויסער לייוויק האָט ביי זיין באַזוך דאָ אין לאָנדאָן געזאָגט צו אונז „פריינט פון יידיש לשון": „יעדער יידישער ישוב אין דער וועלט, אפילו דער קלענסטער, מוז אין זיין באַנעם טון אַזוי, ווי ער וואָלט געווען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק". לאָמיר דאָס נישט נעמען אַלס סתם אַ פראַזע. לאָמיר טון און פּראָבירן דאָס אומצוזעצן אין מעשים. לאָמיר אינעם קומעדיקן יאָר, וואָס הייבט זיך באַלד אָן, צוטרעטן צו אונזער פּראָגראַם: צו אויסדויער און אויפבוי, און זאָל עס זיין אין אַ מזלדיקער שעה!

**אליהו פאַלושאַק**

## ידיעות מארבע כנפות הארץ

אורוגוואַי.—דער יידישער ישוב דאָ באַשטייט פון קרוב 38 טויזנט יידן. דער גרעסטער טייל פון זיי איז קאָנצענטרירט אין דער הויפּט־שטאָט מאָנטעווידעאָ. אין מאָנטעווידעאָ דערשיינען צוויי גרויסע יידישע טעגלעכע צייטונגען, „דער פריינט", אַ קאָמוניסטישע צייטונג, וואָס דערשיינט זיבן מאָל אין וואָך, און דאָס „פאָלקסבלאַט" וואָס דערשיינט יעדן טאָג אויסער שבת, אַ ציוניסטישע צייטונג. ביידע צייטונגען האָבן גרויס אָנזען אויף דער דאָרטיקער יידישער גאַס.

* *

מעקסיקע. — אין דער ווייטער מעקסיקע עקזיסטירט אַ יידישע שול, וואָס ציילט העכער 880 יידישע תלמידים. די יידישע באַפעלקערונג דאָרטן ציילט אַן ערך 25 טויזנט יידן. לעצטנס האָט די דערמאָנטע יידישע שול געפייערט איר צוואַנציק־יאָריקע עקזיסטענץ. אין מעקסיקע דערשיינען דריי יידישע צייטונגען: „דער וועג", אַ ציוניסטישע, „די שטימע", אַרויסגעגעבן פון „בונד" און „פריי־וועלט", אַרויסגעגעבן פון דער פאָלקס־ליגע אין מעקסיקע.

* *

בראַזיל.—אין בראַזיל איז נאָך אַלץ נישט אַרונטערגענומען געוואָרן דער חרם אויף יידיש. אין דער צייט פון דער מלחמה, האָט די בראַזיליאַנער רעגירונג פאַרווערט די גאַנצע פרעמד־שפּראַכיקע פּרעסע — און בתוכם אויך די יידישע. דער חרם האַלט נאָך אַלץ אָן און יידן אין בראַזיל האָבן נישט קיין יידישע צייטונגען און קיין יידיש וואָרט.

* *

אויסטראַליע.— דאָס קליינע יידישע אויסטראַליע גיט לעצטנס אַרויס אַ פייַנעם געזעלשאַפטלעכן ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל אונטערן נאָמען „אויפבוי". אינעם זשורנאַל באַטייליקן זיך פיל אָרטיקע און אויסלענדישע יידישע

שרייבער אין דרוקט אויך א ראמאן פון הערץ בערגנער, א ברודער פונם באקאנטן דיכטער מלך ראוויטש, וואס איז לעצטנס א דארטיקער תושב.

* *

בעלגיע. — אין בריסל דערשיינט א יידישע צייטונג „דאס ווארט“, וואס ווערט געשריבן אויף א שרייב־מאשין און נאכהער פאטאגראפירט. קיין יידיש שריפט איז דארטן היינט נישט פאראן. פאר דער מלחמה איז אין בריסל און אין אנטווערפן דערשינען יידישע צייטונגען, ווי אויך די „בעלגישע בלעטער“, א ליטעראַרישע צייטונג, וואס איז ארויסגעגעבן געווארן דורך ד״ר י. ב ציפור און ביניש זילבערשטיין. ביידע זענען דעפארטירט געווארן און זיך ליידער נישט צוריקגעקערט.

* *

יאהאניסבורג. — דא געפינט זיך א גרופע, נישט ארגאניזירטע יידישיסטן, וואס קעמפן פאר יידיש. זייער קאמף צייכנט זיך אויס דערמיט, אז אלע בריוו, צירקולארן, איינלאדונגען און אזוי ווייטער, וואס זיי דערהאלטן פון יידישע געזעלשאפטן, געשריבן אין דער ענגלישער שפראך, שיקן זיי צוריק מיטן צושריפט: „א ייד צו א יידן שרייבט יידיש“.

* *

פראנקפורט.—ניט געקוקט אויף דעם טרויעריקן מצב ביים יידישן שארית הפליטה, וואס וואלגערט זיך אין די פארשיידנסטע קעמפס אין דייטשלאנד, שפרודלט דארט א פארצווייגט יידיש קולטור־לעבן, ווי אמאל אין די אונטערגעגאנגענע יידישע שטעט און שטעטלאך אין פוילן, ליטע, גאליציע און אין אנדערע לענדער.

ספעציעל אויפן געביט פון נייע יידישע וואכנבלעטער, הערשט ממש א שפע! יעדע קעמפ, כמעט, גיט ארויס א וואכנבלאט, וואס ווערן אין אלגעמיין גלענצענד רעדאקטירט, הגם זיי האבן ניט קיין פראפעסיאנעלע רעדאקטארן.

לויט דער סטאטיסטיק, דערשיינען אין די קעמפס אין דייטשלאנד און איטאליע 16 וואכנבלעטער אין יידישן לשון.

אין אויבערפאלץ, פראווינץ נידער־בייערן, האט אנגעהויבן דערשיינען א וואכנבלאט „דער נייער מאמענט“. וועמענס קאפ דערמאנט אין דעם אמאליקן ווארשעווער „מאמענט“.

אין מינכען האבן די רעוויזיאניסטן באנייט זייער צייטונג „אונזער וועלט“.

אין באמבערג, דערשיינט א וואכנבלאט „אונזער ווארט“.

עס איז כדאי צו באמערקן, אז דאס רוב פון די יידישע וואכנבלעטער האבן באקומען פון אמעריקע העברעאישע שריפט און דערשיינען איצט אין יידיש לשון, אנשטאט יידיש אין לאטיינישער שריפט. ווי זיי זענען פריער דערשינען, ווען זיי האבן נאך ניט געהאט קיין העברעאישן האנט־זאץ.

* *

מינכען. — דא האט זיך ארגאניזירט אן איניציאטיוו־גרופע מיטן ציל, צו שאפן א פארבאנד פון העברעאישע און יידישע שריפטשטעלער פון דעם יידישן שארית־הפליטה אין דייטשלאנד. די צאל יידישע שרייבער ווערט געשעצט אויף 35.

* *

ווארשע. — אין די לעצטע טעג, זענען צוריק געקומען פון ראטן־פארבאנד פאלגנדע יידישע שרייבער, דיכטער און זשורנאליסטן: אפרים קאגאנאווסקי, איינער פון די אנגעזעענסטע יידישע נאוועליסטן אין פוילן. דער דיכטער מרדכי אלעי פון ווארשע; דער זשורנאליסט און געטא־קעמפער הערש סמאליאר. דער קונסט־קריטיקער אפרים קרינגל־שרייער; דער פראזאאיקער יוסף אקרוטני, מחבר פון די ווערק „אונדזער ארעם ברויט“, „א הויז אויף אלט־שטאט“ און פאלגנדע דיכטער: לייב אליצקי, מ. קנאפהיים, דער ווילנער דיכטער פרץ מיראנסקי, פ. ביענעצקי פון ביאליסטאק, מ. וואלדמאן און דער לאדזשער נאוועליסט י. גוטערמאן.



* *

קאוונע. — עס איז געפונען געווארן אין דייטשלאנד די קאוונער העברעאישע ביבליאטעק אויפן נאמען פון באוואוסטן העברעאישן שריפטשטעלער אברהם מאפו (א געבוירענער אין קאוונע), ווי אויך די ארכיוון פאר יידישע ענינים אין ליטע. בסך־הכל 125 טויזנט ביכער און דאקומענטן.

* *

מאסקווע. — דא ווערט צוגעגרייט צום דרוק א זאמלונג פון יידישן פאלקלאר, וואו עס גייען אריין על פי רוב לידער מיט א ביילאגע פון נאטן, וועלכע זיינען צענויפגעזאמלט געווארן דורך פאלקלאר־עקספעדיציעס. דאס זיינען דאס רוב לידער פון געטא, פון קאנצענטראציע־לאגערן און קאמפסלידער פון פארטיזאנען. דער מאטעריאל פונם זאמלבוך איז באארבעט געווארן דורך וויסנשאפטלער פון קאבינעט פאר יידישער קולטור אין אוקראינע.

* *

דער מלוכה פארלאג אין מאסקווע האט ארויסגעגעבן אין רוסישער איבערזעצונג א נייע בוך לידער און פאעמען פון פרץ מארקיש. דאס בוך איז געטיילט אין ציקלען, „הארבסט 1941“, „צולהכעיס דעם טויט“, „אנגריף“ און אנדערע. די איבערזעצונג האבן געמאכט באקאנטע רוסישע דיכטער.

* *

דער אינסטיטוט פון שפראך, ליטעראטור און פאלקלאר ביי דער אוקראינישער וויסנשאפטס־אקאדעמיע דרוקט לעצטנס אין זיינע פארלאגן יידישע וויסנשאפטלעכע ווערק. אין איצטיקן מאמענט ווערט געדרוקט אן ארבעט פונם מיטגלידער־קארעספאנדענט פון דער וויסנשאפטס־אקאדעמיע אין אוקראינע, דעם דירעקטאר פון קאבינעט פאר יידישער קולטור — אליהו ספיוואק וועגן דער יידישער שפראך אין די יארן פון דער מלחמה. אין דאזיקן בוך מאכט דער אויטאר א פרווו צו פאראלגעמיינערן די סטיליסטישע נייקייטן, וועלכע זיינען אריינגעקומען אין דער יידישער שפראך אין די יארן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה: די פאטריאטישע, העראאישע, באסאליסטישע אויסדרוקן, דער אנטי־פאשיסטישער סטיל און אז.וו.

* *

ניו־יארק. — די העברעאישע פערטליארשריפט „התקופה“, וואס האט נאך מיט א פערטל יארהונדערט צוריק אנגעהויבן צו דערשיינען אונטער דער רעדאקציע פון דוד פרישמאן און וואס ביז איצט זיינען דערשינען 39 בענדער אין פארשיידענע לענדער. וועט ווידער אנהויבן צו דערשיינען אין ניו־יארק, אונטער דער רעדאקציע פון יצחק זילבערשלאג און אהרן ציטלין.

* *

# קולטור ידיעות פון דא

די טעג איז דערשינען א נײ בוך פון משה עובד, „אין זכות פון די טעג.“

* *

שלמה גאלדענבערגס „בראבאװ א יידישער גאון“ איז שוין ארויס פון דרוק.

* *

„דער מעאטער שפיגל“ פון אויגוסט מאכט גאר א פיינעם איינדרוק.

* *

אין ארץ ישראל איז דערשינען א בוך דערציילונגען פון א. י. פוקס אין ג. העברעאישער איבערזעצונג.

* *

זונטיק דעם 25־טן האט דער יידישער שרייבער און זשורנאליסט פאריין איינגעארדנט א גלעזל טיי אין האטעל „עספלאנאדע“ פאר דער שױשפּילערין דינה האלפערן.

* *

שבת, דעם 29־טן — פון פריינט פון יידישן לשון איינגעארדנט א גלעזל טיי פאר דער שױשפּילער משפחה פאליאקאװ, אין אנדענקן פון זייער פאטער, דעם פארשטארבענעם בארימטען אקטיאר אבא קאמפאניעץ.

* *

ביים ארבעטער־רינג האט זיך געגרינדעט א יונגנד־קלוב א.נ. שלום עליכם. מיר באגריסן זיי און מיר לייגן גרויס האפענונג אויף זייער טעטיקייט וואס זיי נעמען זיך פאר צו טון אויף דער יידישער גאס.

* *

די פראפאגאנדע קאמיסיע פון „פריינט פון יידיש לשון“, באשטעטיקט מיט דאנק די סומע פון £10.0.0 וואס פריינט אלמאן האט צוגעשיקט פאר דעם קולטור־פאנד אינם נאמען פון פריינט פון יידיש־לשון און יידישן קולטור־קלוב אין מאנטשעסטער.

* *

ביים געזעגענס אװנט לכבוד דעם פאריזער ס.ק.י.ף, וואס איז פארנעקומען אין נײ יידיש טעאטער, אדלער סטריט, האט פריינט פון יידיש לשון זיך באטייליקט אין די באגריסונגען.

* *

דאס גרענד פאליי טעאטער אונטער דער אנפירונג פון מארק מארקאװ, צו געזעגענען זיך מיט דינה האלפערן און צום שלום פון סעזאן, פירט אויף זונטיק דעם 1־שטן סעפּטעמבער צווישן אנדערע סצעניזירונג, אויך דעם צווייטן אקט פון דער „כישוף־מאכערין“, מיר זאגן מארק מארקאװן א ישר כוח פאר דעם טעאטער יומטוב, וואס ער האט אונז צוגעגרייט אין די לעצטע פאר וואכן צום שלום פון סעזאן.

* *

דיסטיק, דעם 3־טן סעפּטעמבער וועט זיין א ליטעראַרישער אװנט וואו די באװאוסטע שױשפּילערין דינה האלפערן וועט לייענען פרץ, ביאליק, און פעפער, אין קינגס האל, 83, קאמערשל רויד, איינגעארדנט פון פריינט פון יידישן לשון.

* *

דינסטיק אװנט, דעם 3־טן סעפּטעמבער, מאכט פריינט פון יידיש־לשון א באנקעט פאר דער שױשפּילערין דינה האלפערן פאר איר אפּפארן צוריק אין אמעריקע.

* *

דער יידישער קולטור קלוב פון קייזנאװ רויד ציט זיך איבער אינם אסטעריען קלוב אין סעװען סיסטער רויד.

* *



זונטיק דעם 21טן סעפּטעמבער פייערט דער קולטור קלוב זיין חנוכת הבית אין זיין נייעם לאקאל. פריינט פון יידיש לשון באטייליגט זיך אין דער פייערונג.

* *

זונטיק, דעם 15־טן סעפּטעמבער שטעלט דער באקאנטער לאנדאנער שרייבער בן־א סאבאטשעװסקי די מצבות פאר זיין פארשטארבענער פרוי די אקטריסע לאה סאבאטשעװסקי און זיין זון אלבערט, אויפן עדת ישראל בית עולם אין ענפעלד.

* *

דער נײ יידישער טעאטער אין אדלער סטריט פירט אויף שיילאק (דער סוחר פון װענעדיק פון שעקספּיר) אין אן איבערזעצונג פון א. מײזעלס. מאיר צעלניקער וועט שפּילן די שיילאק־ראל.

* *

## לשנה טובה וואונטשן צום נייעם יאר תש״ז

די רעדאקציע „לשון און לעבן“ ווינטש א כתיבה וחתימה טובה און א גוט יאר אלע זיינע מיטארבעטער און אלע זיינע לעזער. דעם פארלאג געברידער נאראדיצקי און פערסאנאל.

**א. נ. שטענצל**

*

**משה עובד** פרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון“ ווינטשט אלע זיינע פריינט און באקאנטע א גוטן און גליקלעכן יאר.

* *

**מר.** און **מרס. י. ביעטש** און **טאכטער** ווינטשן זייערע ברידער, שוועסטער און שוואגערס, אויך אלע פריינט — א כתיבה טובה און א דערלייזונג פארן גאנצן יידישן פאלק.

*

**אליהו, גוסטעל** און **יוליע פאלושאק** — ווינטשן אלע זייערע קרובים, פריינט און באקאנטע דא און מעבר לים — א גוט און גליקלעך יאר.

* *

**מר.** און **מרס. נעט רובין** און פאמיליע ווינטשן אלע זייערע משפחה־לייט און פריינט א געזונט און גליקלעך יאר.

אלע פאלקס־יידן בפרט, און דעם גאנצן כלל ישראל, בכל מקום שהם, ווינטש איך א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט יאר.

שנת — נקמה, נחמה, משיח וגאולה — תש״ז, לפ״ק.

**הרב יהושע שפעטמאן**

חונה במזרח לונדון, שכונת ווייטשעפל.

* *

**ד״ר איזראעל פעלדמאן** און **מרס. פעלדמאן** ווינטשן אלע זייערע קרובים, פריינט און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

* *

א הארציקן לשנה טובה גרוס צו מיין טייערן ברודער, דוד דימאנט, מינכען, און מיין שוועסטער שרה קלה, און מיין ברודער אבנר. די איינציק איבערגעבליבענע נאך דער נאצי־מגיפה. — אינעם טרייסט און דער האפענונג פון אונזער פאלק וואס לעבט און בויט א נייעם מארגן, זאלן מיר געפינען אונזער טרייסט — פון אייער שוועסטער

**דבורה דימאנט**, לאנדאן.

* *

אגוט און געזונטן יאר אונזערע פריינט

**אייזיק גאלדבערג** און **פרוי**.

**דוב** און **חנה וואַרשאַווסקי** און פאַמיליע ווינשן זייער משפּחה, קרובים און גוטע פריינט, דאָ און מעבר לים
א כתיבה וחתימה טובה

*　　*

**מר. און מרס. שפּיגעלמאַן** און פאַמיליע ווינשן זייער משפּחה, פריינט און דער רעדאַציע פון „לשון און לעבן"
א כתיבה וחתימה טובה.

*　　*

**מר. א. פינן** און **פרוי** ווינטשן אלע זייערע קרובים, פריינט און באַקאַנטע
א לשנה טובה.

*　　*

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט יאָר דעם עולם פון אונזערע 'יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס'

*　　*

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט יאָר צו די טשעבישע קינדער אינם יידישן שטעטל.

**„פריינט פון יידיש לשון"**

**שמואל וזהייט** און **פרוי** ווינטשן אלע זייערע קרובים, פריינט און באַקאַנטע א כתיבה וחתימה טובה.

*　　*

דער קאָמיטעט פון לידזער „יידישן קלוטור צענטער" ווינשט די חברים און „פריינט פון „יידיש לשון" צום נייעם יאָר תש"ז — א שנה טובה. זאָל דאָס נייע יאָר מיטברענגען א שטאַרקע אויפלעבונג פאַר דעם „יידישן לשון" און יידישער קולטור א גוטע צירקולאַציע פאַר אונזער אלעמענס באַליבטן זשורנאַל „לשון און לעבן" און בעסערע ליכטיקערע צייטן פאַרן יידישן פאָלק בכלל.

פאַרן קאָמיטעט פון לידזער יידישן קולטור צענטער.

**יעקב טיילאַר**, טשערמאַן.
**וואלף ריווקינד**, סעקרע.

*　　*

א גוט יאָר און כתיבה וחתימה טובה פאַרן זשורנאַל „לשון און לעבן"
הבחור האַזעצער **יוסף קליין**

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס

(קינגס־האָל, 83, קאָמערשל רויד, א.1. — 3 א זייגער בייטאָג)

שבת, דעם 7־טן סעפּטעמבער, ווערט זיין געווידמעט משה עובד'ס נייַ בוך „אין זכות פון די טעג".

שבת, 14־טן ווערט מ. מינדל האַלטן א רעפעראַט איבער דעם פּאַלעסטינע פּראָבלעם.

שבת, דעם 21־טן, דער טראַדיציאָנעלער ימים־נוראים־שבת. מוועט פאַרלייענען פון אונזערע קלאַסיקער און מ'וועט פאַרטראָגן איבער אונזערע סקאָרבאָווע ניגונים.

צוליב די ימים נוראים איז אונזער לאָקאַל נעשלאָסן די צוויי שבתים, שבת דעם 28־טן סעפּטעמבער און שבת דעם 5־טן אָקטאָבער.



**אילוסטרירטער טעאַטער שפּיגל**

חודש־זשורנאַל. ארויסגעגעבן פון „פאָלקס־הויז" (בית־עם) און פון נייַ־אידיש־טעאַטער אין לאָנדאָן. אין יעדן נומער דערשיינען אקטועלע ארטיקלען און ידיעות, וואָס ענגען נוגע דעם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן און אנדערע לענדער.

פרייז פון 1 נומער: **1 שילינג**
אדרעס: —

"THEATRE MIRROR"
Adler Street, London, E.1
England.
Telephone : — BIS 1320.

---

דעם באַקאַנטן זשורנאַליסט
**ש. גאָלדשמידט** און **פרוי**
צום געבורט פון זיין
ערשטן טעכטערל,
ווינשן „פריינט פון יידיש לשון"
**מזל טוב**

דער **„מאָרגען - זשורנאַל"** פון נוריאָרק איז די פירענדע יידישע טאָג־צייטונג אין אמעריקע.

דער **„מאָרגען - זשורנאַל"** איז די איינציקע יידישע צייטונג אין דער וועלט, וואָס האַלט אויס אין לאָנדאָן א ספּעציעלן ביוראָ, כדי טעלעגראַפיש צו אינפאָרמירן טאָג־טעגלעך זיינע הונדערטער טויזנטער לעזער וועגן אלגעמיינע און יידישע געשעענישן אין אייראָפּע.

די **„מאָרגען - זשורנאַל"** לעזער אין לאָנדאָן און אין ענגלאַנד קאָנען באַשטעלן די צייטונג, וועגן זי שיקן צו פאַראויס א טשעק אָדער פּאָסטל־אָרדער אויף £3.17.6 פאַר א יאָר, אָדער £1.19.0 פאַר זעקס חדשים.

שרייבט דייטלעך אייער נאָמען און אדרעס (אין בלאָק־שריפט) און שיקט אייער באַשטעלונג אויפן אדרעס:

*JEWISH MORNING JOURNAL*, Europeon Buraus, 66, Woodland, Golders Green, London, N.W.11.
*Telephone* SPEedwell 7935

שוין ארויס!　　פרייז: 3/6

**„אין זכות פון די טעג"**
פון
**משה עובד**
צו באַקומען ביים מחבר:
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1
עפנטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

ס'איז נאָך צייט צו שיקן **גמר חתימה טובה** וואונטשן פאַרן תשרי־(אָקטאָבער) נומער (10) „לשון און לעבן", וועלכער קומט ארויס פאַר יום־כפור. פרייז פון די באַגריסונגען איז פון 10 שילינג ביז א פונט לויט דער גרויס פון דעם אָנאָנס.

## צו די לייענער פון „לשון און לעבן“

1. דאָס פריערדיקע שטענדל־העפטל דער איצטיקער זשורנאַל „לשון און לעבן“, וועלכן מען האָט פריער נאָר געקענט קויפן אויף פאַרזאַמלונגען, אָדער מיד ליד פון מיטגלידער פון „פריינט פון יידיש לעבן“ קאָן מען איצטער קויפן כמעט אין אַלע בוכהאַנדלונגען אין ווייטשעפּל, ווי מאַזין, שאַפּיראָ־וואַלענשטיין עט קאָמפּ. מרס. גאָלוב. איר קענט אויך קריגן דורך דער פּאָסט דירעקט צו זיך אַהיים דורך ווערן אַבאָנאַמענט. איר ברויכט נאָר אַריינצושיקן אייער אַדרעס מיט באַצאָלונג פאַר אַ יאָר אָדער האַלב יאָר צום סעקרעטאַר פון „פריינט פון יידיש־לשון“.

2. אונזערע חשובע אַבאָנענטן, וועלכע באַקומען שוין צוגעשטעלט זייט איניקע חדשים אונזער זשורנאַל און האָבן נאָך נישט באַצאָלט דעם אַבאָנענטס־פרייז, בעטן מיר זייער צו צושיקן די באַטרעפנדע סומע:

13/6 פאַר אַ יאָר. אין אויסלאַנד 3 דאָלאַר.

ווענדט זיך אין אַלע ענינים צו אונזער סעקרעטאַר א. פּאַלושאַק.

**E. Paluszak, 64, Lauriston Rd., E.9.**

3. מיר בעטן אונזערע פריינט און ליבהאָבער פונם יידישן וואָרט זיי זאָלן אונז העלפן אין צושיקן אַדרעסן פון זייערע באַקאַנטע און פריינט, וועלכע קענען האָבן אַן אינטערעס פאַר אונזער זשורנאַל און אַזוי אַרום שטאַרקן אונזערע קולטורעלע אַרבעט. איר קענט פאַרשטיין, אַז ביי אונזערע לאָקאַלע באַדינגונגען, האָבן מיר נאָך נישט דעם נויטיקן אַדמיניסטראַציון און טעכנישן אַפּאַראַט, וואָס מען ברויך צום אויסבוי פאַר אַזאַ ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל, „לשון און לעבן“, וואָס האָט זיך דורך די אַלע שווערע מלחמה יאָרן מיט אַזוי פיל האַראָוואַניע און מי איינגעוואָרצלט אין אונזער אָרימען ישוב. און וואָס האָט געפונען אַ גוטן אָפּקלאַנג אויך מחוץ ענגלאַנד און מוז ווערן דער קנין און דאָס גייסטיקע אייגנטום פונם יידיש־רעדנדיקן ענגלאַנד.

די רעדאַקציע.

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

זיבנטער יאָרגאַנג — אָקטאָבער 1946 לאָנדאָן — **נומער 10** (העפט 81)


## עפּעס איבער דער יידישער מיסטעריע

I

אפילו פאַר אונז, וואָס מיר זיינען שוין נישט מער אַזוי אַרוק אין די מצות מעשיות, ווערט אַלע יאָר ווידער אויפסניי בולט און קלאָר. — מער נאָך ווי אין אַלע וואָכעדיקע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, — אַז פון קולטור שאַפונגען קאָן אַ פאָלק אויסבויען אַ שטאַרקע פעסטונג אין איר זיך צו קענען באַשיצן; אַז מיט הוילע הענט, נאָר פולע מיט תפילות און פּיוטים, קאָן מען אַן אייגענע אַטמאָספערע אַרום זיך אויסוועבן מיט טיפסטע און קלאָרסטע הימלען.

אַ פאָלק, אַ נע־ונד'ס, אַן אַ פּיצעלע ערד אונטער די פיס, — נישט געאַקערט און נישט געזייט, נישט געשניטן און די שייערן נישט אָנגעפילט, — און קאָן אויפטורמען אַזאַ עלפאַנטביינערנעם געביי, מיט זילבער באַדעקטע פּילגרימען פון געלייטערטע און געלייטטע סוף זומער טעג, פון טיף־פאַרשלייערטע אויפציטערנדיקע סוף זומער נעכט. איך ווייס נישט אויב וועלכעס אור־פאָלק, מיט ערד און נאַטור פאַרבונדן, האָט אַזעלכע הערבסט־מיסטעריעס דערלעבענישן ווי אונזער פאָלק אין די ימים־נוראים־וואָכן.

איך ווייס נישט אויב די „נשים המבכות את התמוז“, וועלכע האָבן מסתמא באַוויינט דעם אַוועקגייענדיקן זומער, פון וועלכע דער נביא יחזקאל רעדט שוין ווי פון אַ לעגענדע, האָבן מער טרערן פאַרגאָסן ווי אונזערע ווייבער אין די ווייבער שולן.

און ווי מעכאַניש קינצלעך איז שוין דאָס פיל לעבעדיקע פאָן־פייפל, — פאַר טויזנטער יאָרן צוריק שוין, — קיינן אונזער פרימיטיוון שופר, נאָך פון היינט צו טאָג און צו קאָן מען נאָך איבערהויפּט ריידן פון אַ מיסטעריע, ביי דעם נאַקעטן פרימיטיוון ליבע געפיל פון פאָן, ווען מיר קומען צו צום טאַטע־און ווז־קאָמפּלעקס, וואָס דאָס שטעלט דאָך פאַר מיט זיך דער עקדה־נסיון.

און ווערט דען נישט דאָס ווייבלעכע העראָאישע, דאָס העכסטע נקמה און נצחון־ליד, דער דבורה־געזאַנג איבערן טויט פון סיסראַ'ן:

„דורכן פענצטער האָט געקוקט און געיאָמערט,
דורך דער פאַרטקע, די מוטער פון סיסראַן:
וואָס זאַמט זיך זיין רייטוואָגן צו קומען?
וואָס שפּעטיקט זיך די טריט פון זיינע שפּאַנען?